STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04791

# TROPNS TREYST IN DER BIDE

M. M. Shaffir

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Renee Kimelman*
*in memory of*
*her grandparents, Abraham & Celia Weinrieb and William & Celia Estrin*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## פונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940

איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963

אויף מײַן פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966

דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968

אַ רגע דאַכטעניש (לידער) מאָנטרעאַל, 1969

בורא־מיני־חלומות (לידער), מאָנטרעאַל, 1971

מיט דער לידער־טאָרבע (לידער) מאָנטרעאַל 1973.

אין מײַן געפאַלנקייט (לידער), ניו־יארק, 1975

מיט צוגענייגטע רייד (לידער) ניו־יאָרק 1977

די פלייט פון מײַנע ביינער (לידער), מאָנטרעאַל, 1978

די ליפּן פון מײַן טרויער (לידער), מאָנטרעאַל, 1979

פיר איילן עלנטקייט (לידער), מאָנטרעאַל, 1980

אַ רגע רו געפינעם (לידער) 1981

בײַ דער חלום־מולטער (לידער) 1983

אונטער דער שטערן־חופּה (לידער מאָנטרעאל 1984

איך דאַנק דיר (לידער) מאָנטרעאַל 1985

מ. מ. שאַפּיר

# טראָפּנס טרייסט אין
# דער בידע

מאָנטרעאַל 1987

# M.M. Shaffir

# Tropns Traist in Der Beede

(A Bit of Consolation in my Misery)

*

The publication of this volume of poetry was
made possible by financial assistance
provided by Multiculturalism Canada

*

אַ האַרציקן דאַנק מײַן חבר, דעם מוזיקער דוד באָטווויניק, וואָס ער האָט מיר — נישט געהאָלפן אין דער קאָרעקטור, נאָר ער האָט די אַרבעט געטון אין גאַנצן אַליין. אויך לײַבלען, דעם זון זײַנעם, אַ דאַנק, ווײַל ער האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט. איך האָב זיי גאָרנישט געקענט העלפן.

ח׳ באָטוויניק האָט די אַרבעט געטון מיט אַזאַ געטרײַשאַפט, עלעהיי די לידער זאָלן דאָ זײַן נישט מײַנע, נאָר זײַנע, אָדער ווי דאַ זאַל זיך האַנדלען אין אַ מוזיקאַלישער קאַמפּאַזיציע, ווו אַ זעכצעטל איז אויך אַן ענין דערפאַר זשע נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: אַ דאַנק.

גלאָסאַר — בײַם סוף

---

Printed by·
ADLER PRINTING AND LITHOGRAPHING REG.
4180 De Courtrai, Rooom 218
Montreal, Que. H3S 1C3

# לידער און פּאָעמעס

# אַ האַרץ מיט לידער

איך האָב נישט קיין שטיבער מיט זייַדגאַרדינען,
און דינסטן און סאַרוועס, מיך צו באַדינען.
און כ׳האָב נישט קיין שטאַלן מיט פריצישע פערד,
וואָס זאָלן מיך טראָגן אַרום דער ערד.

איך האָב נישט און כ׳שיק נישט קיין טשערעדעס פיך,
אין פרעמדע פעלדער צו פּאַשען זיך.
איך האָב נאָר אַ ציגעלע, ווייַס ווי שניי,
וואָס גייט מיט מיר מיט אין וואָגל און וויי.

קיין קאַסטנס מיט גאָלד און קיין זעק מיט דוקאַטן,
אַן אַנדער ירושה איך האָב פון מייַן טאַטן.
קיין זילבערוואַרג און קיין מינדסטע מטבע.
נאָר כ׳האָב פון דער מאַמעס מויל אַ קמע.

וואָס כ׳האָב דערפון? אַ האַרץ מיט לידער —
אַ ביסל טרייסט אין מייַן ביטערער בידע.

# איבער מאָדנע בריקן

חלום־רגעס גיי איך איבער מאָדנע בריקן,
וואָס זיי האָבן נישט קיין אָנהייב און קיין סוף נישט,
און קיין בליצן האָבן זיי נאָך נישט געטראָפן.

ווען אַפילו ס׳זאָל אַ מאָל אַ בליץ זיי טרעפן,
שטייען סלופעס זייערע אין טיפע וויַיטן,
פונעם אָנהייב ביזן אויסלאָז פון די צייַטן.

קען דען ווען אַ בליץ אַראָפּ צו טיפע תּהומען?
ווי ער זאָל נישט קריצן מיט די ציין און צישען —
קען ער נישט דערגרייכן צו פאַרבאָרגענישן.

פון די בריקן זע איך כּל־הזעענישן,
וואָס זיי קומען מיך אין זיך אַרייַנצוציִען —
און זיי שפּאַרן טיף אַרייַן אין מייַנע פריִען.

# די שעה פֿאַר נאַכט

די שעה פֿאַר נאַכט,
צעווישן וואַלד און פֿעלד,
האָט מיד די אויגן צוגעמאַכט.

די שכינה נידערט ערגעץ דאָ אַראָפּ,
צו ברענגען טרייסט דער וועלט.

די ביימער האַלדזן אירע קני.
די גראָזן קושן, אָן שום שאָרכנרייד,
די זוימען פֿון איר סאַמעטקלייד.
און אויך דער מידער וואָגלער
טוליעט צון איר האַרץ זיך צו
נאָך רו.

דערנאָכדעם זוכט זי זיך אַ שטילן שטיין:
די וועלט געטרייסט —
נישט זיך אַליין.

# דער ווינט האָט פֿאַרבלאָזן

אַ האַלבער הימל איז פֿאַרזייט
מיט סטרונעסדיקע כּלים —
אַ גאַנצער האַלבער הימל אַזש —
ס'איז גאָרנישט אָפּצוצײלן.

מיט אָן אַ שיעור פֿידעלעך
און נײַן וויאָלאָנטשעלן —
קענסט הערן וואָסער אַ מוזיק
דײַן האַרץ זאָל איצט נאָר וועלן.

פֿאַרגעס די ערד, די בידנע ערד,
מיט אירע בלאָטעשטיינער,
און הער נישט מער דײַן אייגן האַרץ,
וואָס הערט נישט אויף צו וויינען.

דו קענסט נישט? — זוך זשע דיר אַ שטיין
צעווישן שטילע גראָזן —
דעם האַלבן הימל פֿידלוואַרג
האָט שוין אַ ווינט פֿאַרבלאָזן.

## וואַלדסצענע

אַ ווינטל איז צון אַ ברעזע צו
און איר אויסגעקושט די צווייַגן.
דער וואַלד אַרום האָט אַלץ געזען —
און געבעטן די ביימער: שווייַגן.

דערנאָך האָט דאָס ווינטל איר לייַב געהאַלדזט
און איר האָט זיך אויסגעמאָלן,
אַז הימל און ערד זענען עדות אַצינד
פון אירן אַ וואָרן חלום.

אַ טייַכל דערבייַ האָט אַלץ געזען,
און ס׳איז נישט געווען וואָס צו הערן,
די ברעזע האָט נאָר אַ ציטער געטון
און געלאָזט צוויי ליכטיקע טרערן.

די זון האָט זיך צוגעאייַלט צו פאַרגיין,
אַ פויגל האָט שיין זיך צעציקלט,
דער וואַלד האָט זיך צוגעהערט — און אַרום
האָט גענומען אָוונטיקן.

## וואָס טויג דיר צירונג?

(ש.צ.)

וואָס טויג דיר צירונג, נאַריש קינד,
וואָס קען דיר צירונג טויגן?
ווערט שענער דען דיַין האַלדז דערמיט,
צי שענער דיַינע אויגן?

די איידלשטיינער פּעלן דיר,
פון וויַיטסטע לענדער סאַמע?
דיך האָט דאָך איידל גאָט געשניצט
אין לייַב נאָך ביַי דער מאַמען.

ווער קוקט דען אויף דיַין צירונג,
ווער?
אפילו אויף די קליידער?
מע זעט נאָר דיך, נאָר דיך אַליין —
און דאָס געמיט דערפרייט זיך.

די שנירלעך פּערל פּאַלן אָפּ,
די שפּרינקלענדיקע רינגלעך —
אויף דיר אַליין פּאַרקוק איך מיך —
און ס'האַרץ נעמט אין מיר זינגען.

# מאַמע־לשון

מאַמע־לשון, וואָס האָסטו פאַר מיר געגרייט?
פרייד און לייד, צונויפגעפלאָכטן ווי׳ן אַ קייט.
זיך אַליין האָסטו דאָך מיר אַוועקגעגעבן,
און האָסט מיר דערמיט פאַרליבשאַפטלעכט מײַן לעבן.

ווי זשע קומט די לייד אין שטוב אַרײַן צו מיר?
ווײַל אַזוי פיל דײַנע שעמען זיך מיט דיר.
מ׳איז געוואָרן אויפגעריכט מיט אַלע גליקן —
געגנט מען אונדז אָן, אין פנים אונדז צו בריקען.

לערן מיך, איך זאָל נישט טון אויף זיי קיין שפּײַ,
כ׳זאָל זיי מיט מײַן גאַנצן ביטול גיין פאַרבײַ.
כ׳וויל קיין דימענטשטיינער נישט און קיין עשירות,
בלויז מיט דיר אַליין איז מיר באַשערט זיך צירן.

ריזלען זאָלן מײַנע רייד ווי שטילבלעכקייט —
זאָל די גאַס נישט לאַכן פון מײַן ביסל פרייד.
זאָל זיך יענער קרימען, זאָל אים נישט געשוועלן,
דיך פאַרמאָג איך, וויל איך מער נישט גאָרנישט וועלן.

## דער אָוונט קומט אַ שטילער

דער אָוונט קומט אַ שטילער,
די פייגל דרימלען אײַן.
דער וואָגלער פּאַלט אַנידער —
פון מידקייט און פון פּײַן.

דער אָוונט טראָגט די שטילקייט
אויף דינסטע פעדעם זײַד.
דער וואָגלער זעט אַ וואָגלער
דערוואָגלען ערגעץ ווײַט.

דאָס מלבוש איז אַ חלום,
דאָס לשון — אַ געדאַכטס,
און העט אַרום — די ווײַטן
אויף האַלב שוין אויפגעמאַכט.

ער וואָגלט ווי אין אַנגסטן
און שטרויכלט זיך אַליין —
אין ווינט, וואָס וואָגלט מיט אים,
גייט אויס זײַן דין געוויין.

ער טראָגט מיט זיך אַ טאָרבע,
נאָר ניִשט מיט זאַקרויב, ניין —
דאָס טראָגט ער זײַנע פּלאָגן
און זוויגעט זיך אַליין.

דער טאָג דערגרייכט דעם אָוונט,
און קלערער ווערט די קלאָר,
אַז פון דער וואָר ווערט דאַכטונג,
און פון דער דאַכטונג — וואָר.

אַ פויגל וועקט זיך איבער —
ער זעט: אַ שטערן פאַלט.
די אָוונט־שטילקייט הויערט
ווי רינדער ביַי אַ קוואַל.

---

## מיַין געבוירן־שטאָט שאָץ *)

### (אַ חלום)

די מאַמע זיצט און מאַרעזשעט אַ זאָק,
און פאַרקוקט זיך ערגעץ אין דער וויַיט,
ווי זי וואָלט פלוצעם פון דאָרט דערהערט
גערייד פון נאָענטע לאַנגסטיקע ליַיט.

---

*) דער רוימישער אימפעראַטאָר טראַיאַנוס האָט איַינגענומען דאָס לאַנד דאַציאַ, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער דער טעריטאָריע פון דער היַינטיקער רומעניע, אַן ערך. דאָס איז געווען דריַי צענדליק יאָר נאָכן חורבן פונעם צווייטן בית־המיקדש. אין זיַין אַרמיי האָבן זיך אויך געפונען יידישע סאָלדאַטן — געפאַנגענע קליינע איבערבליַיבענישן פון דער צעקלאַפּטער יידישער אַרמיי.

פאַראַן אַ מסורה, אַז אָט די ייִדיש־רוימישע סאָלדאַטן האָבן מיט זיך מיטגעטראָגן שטיינער פונעם חורבן בית־המיקדש — און אַז זיי האָבן זיי דערטראָגן ביז אַהין, ווו היַינט שטייט די שטאָט שאָץ אין דער בוקאָווינע.

זי רופט מיך צו: "משהנוניו קרוין —"
איך זע אין איר, אַז זי שרעקט זיך שטאַרק —
און שוין בין איך אין צווייטן עק שטאָט,
אויפן וועג, וואָס פירט צום שאָצער באַרג.

חיילות רוימישע קומען פון ווו,
מיט טראַיאַנוס-אָדלערס הויך אין די הענט —
זיי גיבן זיך נישט קיין מינדסטן דריי,
זיי שפּאַנען ווי לעבעדיקע ווענט.

זיי טראַמפּלען — מע מיינט ס'איז ווענט אויף פיס,
און אויף די פיס — סאָלדאַטישע שיך.
די פּנימער גליִען מיט בייזער היץ,
און די אויגן שיקלען, זשמורען זיך.

אַ פּאַנצער אין איטלעכער לינקער האַנט,
אין איטלעכער רעכטער האַנט — אַ שווערד.
קאַטאַפּולטן און וועגענער רעדערן מיט —
אַזש אונטער זיי זיך טרייסלט די ערד.

די קאַסקעס בלישטשען אין דער זון —
ווי זיי זאָלן וועלן זיך רייצן מיט איר.
אַזוי אויך די גאַרטלען אַרום די לענד —
מיט אײַזן און מיט מעש באַצירט.

נאָר טייל סאָלדאַטן זעט מען גיין
געלייגטע און מיט שטילערע טריט.
זיי טראָגן, זעט מען, אין פעלענע זעק
באַהאַלטנס עפּעס און טײַערס מיט.

ס'איז שטיינער פון גאָטס פּאַרוויסטן הויז —
ווי טראָגט מען זיי מיט ווילדן גאַנג?

אין די אויגן — בענקשאַפט נאָך דער היים,
אין האַרץ אַן איבערגעריסן געזאַנג.

זיי קומען אַהין, ווו הײַנט איז שאָץ,
און לאָדן פון זיך אַראָפּ די זעק,
און די שטיינער פון גאָטס פאַרוויסטן הויז
באַהאַלטן זיי דאָרט אין אַ הייל אַוועק.

* * *

אָ, מוזע, איך בעט דיך, ברענג נישט מער
אַזוינע חלומות אין שלאָף צו מיר —
פון שאָץ איז געוואָרן אַ פרעמדע שטאָט,
וואָס פאַרמאָגט שוין כּמעט נישט קיין ייִדישע טיר.

איז וואָס זשע ציט מיך אַזוי אַהין,
אין אירע גאַסן אַ מאָל נאָך צו גיין?
אַ שיימע ווו אין אַ פוסטער קלויז,
אַ טיף פאַרלווירענער הייליקער שטיין.

## די אויגן פון דער שוואַלב

אַ טשאַטע ווילדע קראָען
יאָגט זיך נאָך אַ שוואַלב, אַ בלאָער.

פון אַלע זײַטן קומען זיי געפלויגן —
ווילן אירע אויגן.

אין די אויגן אירע שפּיגלט זיך דער הימל.
אָן די אויגן וועט די שוואַלב אין טויט
אַנטדרימלען.

איך זע עס צו מיט נעפּל אין די אויגן,
און איך הייב די אָרעמס צו די הייכן.

אָנא, לאָז די טשאַטע נישט מײַן שוואַלב
דערגרייכן.

## אין אַ ליכטיקן אָסיענטאָג

פייגעלעך, שוועסטערלעך מײַנע, איך בעט אײַך:
זינגט מיר נאָך עפּעס,
איידער איר פאַרפליט אין אַלע ווײַטע
אַהינען.
איך וועל מיך שטאַרקן און וועל אײַך
דאַנקען מיט מײַנעם אַ לידל,
אויכעט אַצינדערט, אויב נאָר מײַן
אומעטיק האַרץ וועט מיר דינען.

קען דען עמעצער וויסן, פייגעלעך
מײַנע געטרײַע,
צי איר וועט אַלע דערגרייכן די ערטער,
וווהין סע ציט אײַך?
איטלעכס יאָר ווערט מיר אַלץ שווערער
מיט אײַך זיך צו שיידן —
און מיינע פּאָר געזעגן־ווערטער — מערער מיט ציטער.

קען דען עמעצער וויסן, פייגעלעך מײַנע געטרײַע,
צי אַז איר וועט נישט זײַן, וועל איך בלײַבן
דאָ, אויף אײַך וואַרטן?

איך בין דאָך אויבעט אַ פויגל, און ס׳ציט
מיך אַזוי ווי מיט צוואַנגען,
ערגעץ אַ נאָענט ווײַט לאַנד, וואָס וואַרט
אויף מיר און סע נאַרט נישט.

טאָמער זשע קומט איר אַהיים, און איך בין
דערווײַל דאָ געפאַלן,
אונטערן זאַק מיט מײַנע שטיינערדיקע
פלאָגן —
זאָלט איר מיך זוכן און מיך געפינען — און
כ׳וועל צון אײַך פאָכען,
מיט אַ מידער האַנט,נאָר שטעלט זיך נישט אָפּ
מיך באַקלאָגן.

פליט דאָס אָרט פאַרבײַ מיט אײַערע שיינע טרעלן,
ווי איך האָב זיי געהערט פון אײַך אַזוי פיל יאָרן,
און דערציילט די בערג, אַז ערגעץ אין ווײַטע לענדער,
בין איך נאָך צוגעזאָגטע אוצרות אַוועקגעפאָרן.

פייגעלעך, שוועסטערלעך מײַנע, איך בעט אײַך:
זינגט מיר נאָך עפּעס,
איידער איר פאַרפליט אין אַלע ווײַטע אַהינען.
איך וועל מיך שטאַרקן און וועל אײַך דאַנקען
מיט מײַנעם אַ לידל,
אויבעט אַצינדערט, אויב נאָר מײַן אומעטיק
האַרץ וועט מיר דינען.

## אין רומענישן פּאָלקסטאָן

כ׳האָב געוויינט היינט גאָר אַ סך,
אַזש אַ קערנעצע געמאַכט.
ס׳האָט דער ברונעם עמערס צוויי,
זאָט פון טרערן טריפט פון זיי.

קומט מיין שׂונאטע צום קוואַל,
זאָל איר פּלאַצן דאָרט די גאַל.
זאָל זי טרינקען עמערס פול.
און זאָל ווערן בלינד און דול.

טרינקט מיין ליבסטער פון דערפון —
זאָל דער קוואַל אים כּישוף טון:
ער זאָל קומען באַלד צו מיר,
אָנצוקלאַפּן אין מיין טיר.

אַלץ וועל איך אים מוחל זיין,
אי מיין בושה, אי מיין פּיין —
נאָר אַבי כ׳זאָל זיין זיין פּאָר
אויף געבענטשטע לאַנגע יאָר.

# טיכער נעפּל

טעמנע טיכער נעפּל פֿאַרבענען מיר פֿאַר די אויגן,
ווי פֿון אָפּגעמעקטע הימלען ערגעץ אָנגעפֿלויגן.
האַלט איך אין די הענט צוויי האַלב פֿאַרלאָשענע
לאַמטערנס —
ניסימדיק קען נאָך אַראָפּ צו מײַנע פֿיס אַ שטערן.

בלויז נאָך אין די שעהען דרימל, וואָס אויף מײַן
געלעגער,
וויטען זיך די ווײַטן און זיי קומען מיר אַקעגן.
דעמאָלט פֿאַלן פֿון די הענט און פֿיס אַראָפּ די קייטן,
און אַ הירשנפֿאָר איז דאָ — אין וועג מיך צו באַלייטן.

אָבער נאָכן חלומס אויסגעמאָלענע געטראַכטסן,
וואַרפֿט אַ דונער מיך אַריַין צוריק אין פֿוסטער
וואַכקייט.
וואָסער גזר איז דאָ אויף מיר געוואָרן אויסגעשריגן?
סטײַעס פֿייגל צאַפּלען אין מיר שטומע מיט די פֿליגל.
רודערט אין מיר, סטײַעס פֿייגל, ראַטעוועט מײַן זינען,
העלפֿט מיר, העלפֿט מיר אינעם נעפּל טראָפּנס טרייסט
געפֿינען.

# מייַן האַרץ פֿאַרגייט זיך

מייַן האַרץ פֿאַרגייט זיך ווי עלנטע בינען,
וואָס קומען קיין מאָל אין ערגעץ נישט אָן.
דער ווייטיק איז אין מיר אַרייַנגעשטאָכן
אַזוי ווי אַ פֿאַרסמטער שפּאָן.

בין איך אַוועק צו די שטראָמיקע טייַכן,
כ׳זאָל הערן זייער ווילד געשריי —
איז זענען די טייַכן שטיל געוואָרן,
נאָר נישט דאָס האַרץ, וואָס טוט מיר וויי.

בין איך אַוועק צו צעשויבערטע וועלדער,
האָט עמעץ געפֿרעגט, וווּ אַהין איך גיי.
— איך גיי אַהין, וווּ כ׳זאָל נישט הערן
מייַן האַרצנס געוויין, זייַן דין געשריי.

בין איך אַוועק צון אַ ווייַטן מידבר,
מיט זאַמדן שטילע ווי שטילער שניי —
האָט דאָרט מייַן טרערנקוואַל געעפֿנט
די שווערע לאָגלען זייַנע צוויי.

# ס׳איז דאָ אַ גאָט

(ד״ר שיקל און געלע פישמאַן — אַ מתנה)

ס׳איז דאָ אַ גאָט — אַוודאי איז דאָ —
ווו איז ער דען נישט צו געפינען?
צוליב זיין גרויסקייט קען אָבער זיין,
אַז איך זאָל אים נישט ליגן אין זינען.

ס׳איז דאָ אַ גאָט — וואָס דען: ס׳איז נישטאָ?
אָן גאָט וואָלט די וועלט דען באַשטאַנען?
איך ווייס אָבער נישט, צי ווייסט ער קלאָר,
אַז איך בין דאָ ערגעץ פאַראַנען.

ס׳איז דאָ אַ גאָט, און אויב עמעץ זאָגט: ניין —
ווי מוז דאָס געמיט אים זיין ביטער!
נאָר איבער מיין טיף געבויגענעם קאָפּ
פיל איך אַלץ אַ האַנט אין געציטער.

ס׳איז דאָ אַ גאָט — מע קען עס זען
נישט נאָר אין הימל מיט שטערן,
נאָר אויך אין שטילן זיפץ, וואָס קומט
נאָך שווערע טרערן.

# פֿאַרבעטונג צום חלום

קום פֿאַרבײַט מיר וואָר אויף דאַכטונג,
נאָר די דאַכטונג זאָל זײַן וואָר.
כ׳וויל, מיט אויגן צוגעמאַכטע,
זען די דאַכטונג און איר פּאָר.

נעם פֿון מיר אַוועק די בידע,
און די ביטער פֿונעם טאָג,
וואָס איך וואָגל, אַ געשמידטער,
אונטער זייער וויסטער וואָג.

ווײַז מיר וואָס כ׳האָב אָנגעווווירן —
וואָר איז אויך זײַןווידערשײַן.
איז דאָך אַלץ וואָס כ׳האָב פֿאַרלוירן,
אין דער דאַכטונג מיר אַרײַן.

קומסט דאָך נישט מיך צו גענאַרן,
נאָר דו ווײַזסט מיר מײַן פֿאַרמאָג —
נאָך די פּחדים און קאָשמאַרן,
וואָס ס׳איז מיט זיי פֿול דער טאָג.

# אַ זעקל ציבל-קיכלעך

איך טראָג אַ זעקל ציבל-קיכלעך פון דער היים נאָך —
דאָס טראָגן איז נישט שווער, פאַרקערט: אַפילו זיס —
אַז איך דערפיל: סע ברעכן זיך מיר איַין די פיס,
קען נאָר אַ ציבל-קיכל שטאַרקן מיר די ביינער.

דאָס זעקל ווערט נישט לייַדיקער — איר מעגט עס הערן.
איך זע: סע ליגט דערינען עפּעס ניסימדיקס —
און וואָסער בייז סע ווערט אויף מיר נישט אָנגעשיקט,
פאַרבייַס איך מיט אַ ציבל-קיכעלע, אין טרערן.

און נאָך אַ נס: די קיכלעך האָבן אַלע טעמען,
אָט ווי דער מן אין מידבר: פילסט. וואָס דיר געפעלט.
דאָ ליגט די מי פון מומעס פון דער גאַנצער וועלט,
די גינציקייט פון ווייס איך וויפל דורות מאַמעס.

חידושימדיקס אַזוינס, איז עפּעס דאָ אין זעקל,
און חלומדיקס אַזוינס, וואָס האָט צו טון מיט סוד —
פאַרהיטסט מיך נאָר אין איינעם מיטן זעקל, גאָט,
אין שווערע טעג, ווען ס׳וויל זיך מיר דאָס לעבן עקן.

# מייַן ערלעך ביסל אייגנס

העלף מיר זייַן אַ גוטער היטער
פון מייַן ערלעך ביסל אייגנס,
כ'זאָל נישט אומפאַלן אַ מידער
איידער ס'וועט מייַן קאָפּ זיך נייגן.

ווייַל איך האָב שוין גאָרנישט מערער,
נאָר אַ האַרץ, אַ אייַנגעשניטנס,
און אַ פולן קוואַל מיט טרערן,
און אַ ליד, אַן אויסגעליטנס.

האָב איך פאַר די פייַנען טרערן,
און דאָס ליד מייַנס צאַפּלט פליען,
און איך זע נאָך ווייַטע שטערן
אין די אָוונט־שעהען פריִע.

און אין בלוט, אין מינדסטן טראָפּן,
זינגט אַ טרייסטנדיקער ניגון —
ער וועט ביי מייַן לעצט צוקאָפּנס
מייַנע ווייטיקן פאַרוויגן.

העלף מיר זייַן אַ גוטער היטער
פון מייַן ערלעך ביסל אייגנס,
כ'זאָל נישט אומפאַלן אַ מידער
איידער ס'וועט מייַן קאָפּ זיך נייגן.

## שרײַב מיר

(ס.ע.)

שרײַב מיר כאָטשבע נאָר איין שורה,
אויב דאָס שרײַבן קומט אָן שווער.
איינע צוויי, דרײַ גוטע ווערטער —
גלייב מיר, איך באַדאַרף נישט מער.

אָדער שרײַב אַ האַלבע שורה,
טאַקע בלויז נאָר ווערטער צוויי —
וועל איך וויסן: קענסט נישט מערער,
ווײַל דאָס האַרץ דײַנס טוט דיר וויי.

אָדער שרײַב מיר בלויז איין וואָרט נאָר,
בלויז איין וואָרט, אַ ליבלעכדיקס:
וועל איך אים אַ קוש טון וואַרעם,
און דיר אומקערן צוריק.

אָדער שרײַב אַפילו גאָרנישט
אויפן בייגעלע פּאַפּיר —
וועל איך וויסן: דײַנע פינגער
האָבן עס דאָך אָנגערירט.

# אין דער באַן

די באַן שלינגט איַין די ווייַט,און אפשר
גאָר פאַרקערט.
פאַרמאַכסט די אויגן, מיינסטו:האָסט פאַרלאָזט די ערד
די רעלסן וויגן אום די באַן אַהין און קריק,
ווהין פאַרוויגסטו מיך אַצינד,דו איַיזנוויג?

דאָס וויגעניש פאַרטומלט,און דער מידער קאָפּ
ווערט פול מיט ליידיקייט,אָט ווי אַ פּוסטער טאָפּ,
אין פענצטער איז די נאַכט געמישט פון ווינט און שניי.
מע זעט קיין כאַטע נישט,צוליבן ווינטגעדריי.

קיין כאַטע טאַקע נישט,נאָר ערגעץ אין געדאַנק
באַווייַזט זיך אָבער דאָ און דאָרטן,גאָט צו דאַנק,
אַ שטיל באַגעגעניש וואָס וואַרעמט נאָך ביז הייַנט,
און טוליעט מיך, ווי אָט ערשט נעכטן זאָל עס זייַן.

נישט ווען,נישט ווו האָט עמעץ זיך צו מיר גענייגט,
אַ רעפּטל ברויט דערלאַנגט פון היימישלעכן טייג —
נאָך מער ווי ברויט האָט מיך געשטאַרקט אַ טרייסטיק
וואָרט —
געבענטשט זאָל זייַן די שעה,געבענטשט זאָל זייַן
דאָס אָרט.

פאַרמאַכסט די אויגן,מיינסטו אַז דו פאָרסט צוריק.
דו פרעגסט נישט-ווילנדיק ווו ס'האָט דיר אָפּגעגליקט.
נאָר קען דען זייַן געמאָלט אַ וועג אָן שלענגלעניש?
סע גייט נישט איַין דער טעם, דאָס נפש וויל עס נישט.

כ׳האָב גוט געפילט אַ שטיין אין קנעבל ווען־נישט ווען,
און דער מנוול האָט געוויזן וואָס ער קען.
זיי שטופּן זיך אומזיסט אין מײַן געמיט אַרײַן,
ווו ס׳אָטעמט נאָך די שײַן פון שיין צעשפּילטן ווײַן.

צי יאָגט די באַן פון זיך אַליין, צי אפשר גאָר
איז עמעצער פאַראַן, וואָס יאָגט זי — ס׳איז נישט
קלאָר.
דאָס גלײַכן וועט איר עמעץ הייסן בלײַבן שטיין,
צי וועט זי,אײַנגעמאַטערט בלײַבן שטיין אַליין.

איך ווייס נישט:פאָרט די באַן אַהין,צי גאָר צוריק?
זי וויגט מיך אויף די רעלסן ווי׳ן אַן אײַזנוויג.
די נאַכט אין שויב איז אַ געמיש פון שניי און ווינט,
און ערגעץ אין וואַגאָן האָט זיך צעוויינט אַ קינד.

## די דאַכטונג

דאָס דרימלשיפל שטייט אַן אײַנגעמאַטערטס,
די זון האָט עס אַ גאַנצן טאָג געפּלאָגט
פאַרנאַכט־צײַט קומט אַ ווינטל אָנגעפלאַטערט,
פון דאָרט, ווו ס׳נייגט זיך צו זײַן רו דער טאָג.

פון דאָרט, ווו ס׳ליגן אוצרות אײַנגעשאָטנט
מײַן דרימלשיפל ווייסט אַהין דעם וועג.
פאַר נאַכט פאַרציט עס דאַכטענישן־דראָטן
ביז העט צו מײַן פאַרזונקענעם פאַרמעג.

דער באָרטן הינטער מיר נעמט זינקען, שווינדן —
צי זאָל איך זאָגן: פליגל וואַקסן מיר?
אויף הימל-לאָנקעס פּאַשען ווײַסע רינדער,
ווי נאָר וואָס פון אַ שטילן טײַך אַפּיר.

דער באָרטן זינקט, דאָס שיפל נעמט זיך רירן,
דערלייזט זיך פונעם טאָג, ווי פון אַ קייט,
און נעמט מיך איבער נעפּל-ימען פירן,
מיט אינדזלען, ווי מיט טורעמלעך, פאַרזייט.

איך פיל נישט מער די האָרבן אויף דער פּלייצע,
די אָנגעשטאָפּטע מײַנע זיבן זעק,
דאָס שיפל שווימט אויף גליווערדיקע פּלייצן,
און ביז סע ברענגט מיך צון אַ ווײַטן ברעג,

אַטלאַנטיסן? ס'איז מײַנע אוצרות ווײַטע —
זיי שווימען אין מיר אום מיט ערלעך ליכט.
דאָס דרימלשיפל קומט דעם ים צו בײַטן
פאַרבאָרגנס אויפצופּלעקן אומגעריכט.

אָט שטייט דער עפּלבוים נאָך פונקט ווי דעמאָלט,
אַ ריטלפּלייטל רינגלט אים אַרום.
איך וויל געגענענען, אים אַרומצונעמען —
פאַרדעקט ער זיך פאַר מיר מיט שאָטנס פרום.

און אַלע מײַנע ליבע אָפּגעשיידטע,
און אַלץ, וואָס כ'האָב אַ מאָל געזאָגט:
ס'איז מײַנס —
אויף בלאָע בערגער זע איך זיי זיך שפּרייטן,
און ס'פּאַלט אויף זיי אַן אָוונטיקע שײַן.

אַ טייל פון זיי האָט גוט די ערד גענומען,
אַ פײַער-וויכער האָט אַ טייל פאַרלענדט.

איך בין נישט ווערט, מיט מײַן געוויין צו קומען
צו מײַנע קברים און די גראָע ווענט.

דאָס דרימלשיפל שפּאַלט די ווײַט ווי גאָרנישט
דער ווינט אין זעגל איז מײַ בענקעניש.
ווער זאָגט עס, אַז די דאַכטונג איז קיין וואָר נישט?
קיין אַנדער וואָר, חוץ דאַכטונג, האָב איך נישט.

## תּפילה לעני

די תּפילה פונעם אָרעמאַן, וואָס ער פאַרגייט זיך,
ווײַל ער קען מער נישט שטומען אין זײַן ווייטיק.
איך קום צו דיר אַ געבאָדענער אין לייד,
און אין געבליפּע — מײַנע רייד.

ווּעסט פון מיר אויסטון ווען אַ מאָל דעם טרויערזאַק,
און אָפּטון פון איבער מיר די טעמפּע האַק?

לאָז מיך ווײנען שטיל צווישן די ווענט פון
מײַן וווין —
סע זאָל קיינער נישט זען מײַן פאַרשעמטע קרוין.

סע טוט מיר ווי דער נעפּל אַרום די שלייפן,
ווי אַרום די קנעכל די פּענטערייפן.

דערליכטיק צוריק מײַן וועג,
איך זאָל דיר קענען אַקעגנגיין ביזן סוף
פון מײַנע טעג —

איך זאָל קענען זען די שײַן פון דײַן בילד,
וואָס די בענקשאַפט נאָך דיר האָט אין מיר
אָפּגעשטילט.

# דער טויט פון אַ שוואַלב

דער טאָג פאַרגייט,
אַ מאָכן וויגל שטייט
צופוסנס פון אַ מידער ליפּע.
נישט ווײַט —
אַ וואַסערל, אַ קלאָרס:
— מײַן שטאַרבנדיקע שוואַלב,
איך בין, ווי דו, אי בלענד, אי וואָר.

אַ ווינטל קומט,
אָן מינדסטן שאָרך אין גאַנג
און ווײַזט איר אין געדאַנק
די סטריכעס,
וואָס זי פלעג נעסטיקן בײַ זיי אונטער די
באַלקנס,
זיי ווײַזן זיך פאַר אירע צוגעמאַכטע אויגן —
זי פליט זיי איצט פאַרבײַ ווי אין אַ בויגן,
און אַלע פלאָגן,
וואָס זי איז ווי'ן אַ זילבערשיפל דורכגעפלויגן.

בײַם אויסלאָז פונעם טאָג
פאַרגעסט זי די קאָרשונען,
וואָס האָבן זיך נאָך איר געיאָגט.

זי הערט נאָר קוים
דעם שאָטן פון אַ דינסטן קלאַנג,
וואָס ציט זיך לאַנג, לאַנג, לאַנג
פון זינט איר ערשטן ווין
און שווימט אויף אים אַוועק אַהין,
ווי אויף די פליגל פון אַ בענקעדיקער בין.

## די לבנה

פון ערגעץ קריכט אַרויס פּאַמעלעך די לבנה,
דער האַלדז איז איר מיט ווייַסע שאַליקלעך
פאַרוויקלט.
ס׳איז קלאָר, אַז ס׳איז אויף איר אַ גרויס רחמנות —
מע וואָלט געדאַרפן נאָך אַ דאָקטער שיקן.

ס׳איז קיין פּיקוח־נפש נישט, נאָר ס׳קען זיך
טרעפן —
צו ווועמען וועל איך דעמאָלט לויפן זיך באַקלאָגן?
האָב איך געשווינד די אויגן גוט צעעפנט,
און כ׳האָב די פיס באַפוילן זיך צו יאָגן.

כ'האָב אָנגעהויבן לויפן, קלאַפּן אין די טירן
מע דאַרף אַ דאָקטער האָבן — די לבנה היילן —
די שעה זאָל גאָר נישט זײַן, מ'עט זי פֿאַרלירן —
צו וועמען וועט מען גיין די לייד דערציילן?

איך האָב געשריגן ממש אויף די העכסטע טענער,
כ'האָב אַזש געפֿילט, אַז איך וועל באַלד מיך
אונטעררײַסן.
נאָר שווײַגן נישט געקענט — געוואַלד, ווער קען עס?
דאָ גייט דען עפּעס אין אַ פּוסטער מעשׂה?

און דאָ איז מיר געשען, וואָס נישט געדאַרפֿט
זיך טרעפֿן:
מײַן קלינגעדיקע קעל, מײַן אײדעלע, מײַן דינע,
וואָס כ'פֿלעג מיט איר אַזוי פֿיל יאָרן פֿלעפֿן,
האָט פּלוצעם זיך געעקט — און גיי געפֿין זי.

מע קוקט אויף מיר, מע זעט: איך האָב עפּעס צו
שרײַען —
איך פֿאָכע מיט די הענט, איך פֿינטל מיט די אויגן —
דאָס קול איז אָבער פּונקט ווי בײַ אַ שלײַען,
וואָס נאָר וואָס פּונעם טײַך אַרויסגעצויגן.

מ'האָט די לבנה נישט געהיילט, ס'איז גרויסע צרות,
דער האַלדז בײַ איר — נאָך אַלץ אין שאַליקלעך, אין
ווײַסע.
נו, זאָגט אַליין: צו וואָסערע שוואַרציאָרן
האָב איך געדאַרפֿט די קעל מיר איבעררײַסן?

# ווי אַ שטיין און ווי אַ בוים

אָט די שטיינער, וואָס מע טרעט אויף זיי —
שטומען אין געוויין און אין געשריי.
וואָס זאָל איך נישט קענען שטומען ווי די שטיינער,
אַז ס׳זאָל מײַן געוויין־געשריי נישט הערן קיינער?

לערנט מיך, איר שטיינער, גוטע־פֿרײַנד,
ווי אַזוי אַ שטומער שטיין צו זײַן —
ווי אַזוי באַהאַלט מען עס אין זיך די טרערן,
ווי אַזוי אַן אויסגעשריי נישט לאָזן הערן?

אויך ווי יענער בוים ווילט זיך מיר זײַן,
וואָס ער קוקט צו מיר אין שויב אַרײַן —
כ׳זאָל, ווי ער, זיך קענען וועסנעצײַט צעבליִען,
און די צוויטן זאָלן זיך אין ווינט צעפֿליִען.

מעגן וויוגעס בייגן אים ווי שטאַרק,
מעגן בליצן קאַטעווען זײַן קאַרק —
אויך אין ווילדסטן וויכער ווערט ער נישט פֿאַרלוירן,
ווײַל ער ווייסט אין זיך צו וואָס ער איז געבוירן.

## ווי נוחס טויב

עמעץ, אין צעטרעפּטשעטע טשאָבאָטעס,
וואָגלט אום צעווישן גאָלע קוימענס,
איבערבלייַבענישן נאָך אַ שׂריפה,
און ער זוכט פֿאַרלוירענע חלומות.
וואָגלט ער און האַלדזט די גאָלע קוימענס
פֿון פֿאַרשניטענע געטרייַע היימען,
און ער טוליעט זיך צו שטילע שוועלן,
שטילע מיט פֿאַרבאַקן בלוט און שיימעס.

הייבט ער אויף די אויגן צו די שטערן,
און ער בעט זיך: "העלפֿט זיי מיר געפֿינען"
אָן זיי קען זיך אַל דאָס בייז אים טרעפֿן —
ער וועט זיבן מאָל אַראָפּ פֿון זינען.

זיבן מאָל וועט ער אַראָפּ פֿון זינען
און מע וועט זייַן לשון קוים דערהערן.
"העלפֿט מיר די פֿאַרשעמטע צו געפֿינען"
בעט ער זיך בייַ די חיילות שטערן.

ער פֿאַרמאַכט די אויגן אויף אַ רגע,
און די תּפֿילה הייבט זיך צו די הייכן,
צו די אייביקדיקע בלאָע ווייַטן,
צו די ווייַסע וואָלקנוואָלן ווייכע.

פלאַטערט אום ווי נוחס טויב די תּפילה,
אָן אַן אָפּרו פאַר די מידע פליגל.
עמעץ זוכט פאַרלוירענע חלומות
אין אַ פּוסטן עיגול.

## וואָס ברענגסטו, נאַכט

וואָס ברענגסטו, נאַכט, וואָס ברענגסטו זאָג —
צי קומט נאָך דיר דער געגאַרטער טאָג,
דער געגאַרטער טאָג, ווי אַ טויער ברייט,
פאַר די, וואָס לעכצן נאָך ליכט און פרייד?

וואָס ברענגסטו, נאַכט, וואָס זאָגסטו — דערציי̇ל.
מיר פּויזען אין פּחד, ווי אין אַ הייל.
אונדז קלעמען קייטן, אונדז וואַרגן ווענט,
און נישטאָ צו וועמען צו הייבן די הענט.

וואָס ברענגסטו, נאַכט, וואָס ברענגסטו זאָג —
וועט קומען נאָך דיר דער געגאַרטער טאָג?

# יחזקאל אין טרעבלינקע

אַז יחזקאל האָט דערבלאָנדזשעט קיין טרעבלינקע
האָבן זיַינע פּיס געגומען זינקען
אין אַ טאָל מיט אַש און ביינער.

צון אַ בערגל ביינער, ווי די שפּענער דאַרע,
פאַלט ער צו — דעם קאָפּ אויף אָנצושפּאַרן
אינעם טאָל מיט אַש און ביינער.

דרייט ער צו די הימלען אויס דעם קאָפּ, דעם גראָען,
עפּענען זיך אים די הימלבלאָען —
אינעם טאָל מיט אַש און ביינער.

עפנט ער מיט מאַטערניש די מידע אויגן,
די פאַרלאָפענע מיט טרערנלויגן —
אינעם טאָל מיט אַש און ביינער.

זעט ער: אַ צעפליקט פּרוכת הענגט אויף בליצן,
און דערביַי אַ דמות־כביכול זיצן —
איבערן טאָל מיט אַש און ביינער.

ווי אין גרויסע פּיַינען זיצט ער איַינגעבויגן,
און פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט די אויגן,
איבערן טאָל מיט אַש און ביינער.

און אַן אָפּהילך פֿאַלט אַראָפּ אין טאָל אין מיטן:
"אוי לי, וואָס איך האָב מײַן הויז פֿאַרשניטן
אין אַ טאָל מיט אַש און ביינער.

כאַלט מען מײַנע קינדער ערגעץ ווו פֿאַרטריבן —
נאָר ס'איז פֿון זיי גאָרנישט נישט געבליבן,
בלויז אַ טאָל מיט אַש און ביינער".

און אַ לייב, אַן אָקס, אַן אָדלער — אַלע דרײַען
דרימלען ווי'ן אַ גליווערניש, אַ בלײַען —
איבערן טאָל מיט אַש און ביינער.

און אַ מענטש, די פּויסט פֿאַרביסן בײַ די ליפּן,
שטאַרט פֿאַר זיך — אַ קייט אַרום די ריפּן,
איבערן טאָל מיט אַש און ביינער.

כאַפּט זיך אויף יחזקאל פֿונעם קורצן דרימל,
זעט ער קוים אַ שטערן אויפֿן הימל —
איבערן טאָל מיט אַש און ביינער.

אין די הייכן ווערט די פֿינצטערניש געדיכטער,
אין דער שקיעה צאַנקען יאָרצײַט־ליכטער,
אינעם טאָל מיט אַש און ביינער.

און ער לאָזט אַוועק די אויגן צו די ווײַטן:
— קומט נישט ווער אויף פֿײַערפֿערד צו רײַטן
פּאַזע טאָל מיט אַש און ביינער?...

# מײַן קאָפּ זאָל זײַן אַ טרערנקוואַל

מי יתן ראשי מים...

מײַן קאָפּ זאָל זײַן אַ טיפֿער טרערנקוואַל,
וואָלט איך געזעסן טאָג און נאַכט און וואָלט געוויינט
אויף מײַנע ברידער, וואָס זיי טייטן זיך אַליין.

זיי לאָזן הינטער זיך דאָס היימישע געצעלט,
און בײַטן עס אויף פיר מגושמדיקע ווענט —
און דאָרטן קײַלט מען זיך מיט ד׳אייגענע צוויי הענט.

ווער טרײַבט זיי, ווער?
קיין בליץ האָט זיי נישט אָנגערירט —
אַ נאַריש רישעות טרײַבט זיי צו דעליר.
זיי וואַרפן זיך אַליין אַרויס —
אַז וויי איז מיר! — פון אונדזער פאָטער יעקבס הויז.

כ׳וואָלט טאָג און נאַכט דערויף געוויינט,
ווען כ׳האָב נאָך טרערן אין מײַן שאַרבנביין.

# אין לאַנד שאַשאַפּו

אין לאַנד שאַשאַפּו גייען מענטשן אום
פאַרכמורעט און אַזוי ווי שטום.
מע זעט נישט אַפּילו קיין שמייכל כּמעט —
ווי אַ שטיין — נישט קיין מאַמע — וואָלט זיי געהאַט.

פּאַר רעדן קרום אַן איבעריק וואָרט,
באַקומט מען שמיץ, אי דאָס גלײַך אויפן אָרט.

פון צײַט צו צײַט אָבער טרעפט זיך פּאָרט,
אַז אַ פויגל, אַ זינגער, באַווײַזט זיך דאָרט.

געווען דאָרט אַ פויגל נישט לאַנג צוריק,
וואָס פלעג אַרומפליען זינגענדיק.
אַזוי בײַ טאָג און אַזוי בײַ נאַכט —
די מענטשלעכע הערצער גרינגער געמאַכט.
אַזוי בײַ נאַכט און אַזוי בײַ טאָג —
מ׳האָט פאַרגעסן דערבײַ די אייביקע פּלאָג.

די וועכטערס זעען: דער פויגל פליט
און זיי דאַכט זיך: ער זינגט זיי אין פּנים דאָס ליד.
זיי כאַפּן באַלד די ביקסן אַפיר:
״זאָלסט אויפהערן זינגען — זאָגט מען דיר!״

זיי זעען, ס׳איז אומזיסט דאָס געשריי —
זיי דאַכט זיך: ער זינגט אין פּנים זיי.
זיי הייבן אָן שפּײַען און שיפּען מיט שפּאָט,
נאָר די קינדער זאָגן: ״ס׳אַ פויגל פון גאָט״

די ביקסן צילעווען, וויי און ווינד,
און זיי טרעפן דעם פויגל — דער פויגל פאַרשווינדט.

אויף די וויסטע וועכטערס קומט אַ פרייד:
״נישטאָ מער קיין פויגל, קיין לידגעריד!״

די וויסטע וועכטערס, אַ קלאָג צו זיי,
מיט די אונטער־וועכטערס אַלערליי —
געשאָסן דעם פויגל, נאָר נישט דאָס ליד —
ווי קען מען עס שיסן? סע פלאַטערט און פליט,
סע פליט אַריבער די גרענעצוואַנט,
וואָס רינגלט אַרום דאָס שטומע לאַנד.
סע פליט פאַרמאַטערט און ציטערט דערפרייט
אַזוי ווי זילבערן, דין געפלייט.

## מע וואַרפט מיר פיר

מע וואַרפט מיר פיר, אַז כ׳האָב אַ ביטער מויל,
איך גיי צו מאָל אַרויס פון ד׳איידעלע האָלאָבליעס,
באַדאַרף איך זײַן אין גאַנצן שטום
בשעת אַרום מיר פלייצט די גרויל?

גיי, נעם באַשרײַב אַ גרויל, אַ פּחדימדיקע פּלאָג.
ווײַל וואָס האָט דאַנטע דען באַשריבן? אויסגע־
טראַכטסן.
נאָר הײַנט איז אָפן פאַר דער זון
אי דער וואָס וויינט, אי דער, וואָס שלאָגט.

דעם שלעגער העלפן אַלע הויכע כּוחות מיט,
און דעם געשלאָגענעם איז אָך און וויינד אים.
זאָל איך מיך מאַכן בלינד און טויב,
די ליפּ פאַרבײַסן אויבעט ניט?

בין איך אַ שטיין? אַ שטיין אַפילו שרײַט
געוואַלד.
איז ווי זאָל איך נישט שעלטן אַלע וועלט־
פּאַרוויסטערס.
אַז קומען זאָל אויף זיי די בראָך,
אוי, גאָט געטרײַער, גיך און באַלד?

די ניכפּה זאָל זיי כאַפּן זיבן מאָל אַ טאָג,
זיי זאָלן אויף די פּיס זיך מער נישט קענען שטעלן,
וועט ווערן שטילער אויף דער וועלט,
אָן גרויל, און פּחדימדיקער פּלאָג.

צי: ביי אַ פּלענום, זאָלן זיי אַראָפּ פון זין,
און איינס דאָס צווייטע זאָלן זיי זיך אונטערצינדן,
דאָס וועט דער גרינגסטער מישפּט זײַן,
און אויבעט דער גערעכטסטער דין.

און איר, איר — מײַנע גוטע־פרײַנד, דערמאָנט זיך גוט,
צי האָב איך עמעצן פון אײַך שוין ווען געזידלט
צי גאָר געזאָגט אַ וואָרט, אַ קרומס —
אַפילו אין אַ כּעס־מינוט?

איך רעד נישט קעגן אײַך מיט ביטערקייט, פּאַרקערט,
נאָר כ׳בעט אײַך זייער: נעמט נישט צו ביי מיר די
פּראַווע,
מיט טויטע קללות צילעווען
אויף די פּאַרוויסטערס פון דער ערד.

## ווּ די ערד איז אַ צעקײַלטע

ווּ די ערד איז אַ צעקײַלטע
און זי ליגט אין ציטערנישן,
שטייט אַן אויסגעקרימטער בנין —
מיל און קרעטשמע: אַ צעמישעכץ.

אויסגעקרימט, נאָר ער׳ט נישט פֿאַלן,
ווײַל ער שטייט נישט אויף קיין סלופּעס —
וואָס זשע האַלט אים? שדים־שימחות
האַלבע נאַכט, און שוואַרצע חופּות.

נאַכטצײַט דרייען זיך דאָרט רעדער,
און מע הערט, ווי וואַסער גיסט זיך —
נאָר קיין רעדער איז נישטאָ דאָרט,
אין דער מיל, דער פּוסטער, וויסטער.

נאַכטצײַט הערט מען רעדער קלאַפּן
און פֿון מילשטיינער אַ טומל —
כאָטש ס׳איז דאָרט נישטאָ קיין וואַסער
און מע זעט נישט קיינעם קומען.

וואָס ס׳איז מערער — מיל צי קרעטשמע,
וויל שוין איצט נישט וויסן קיינער —
ס׳איז אַ חורבה אויף אַ חורבה
אויף אַ קופּע מיסט און ביינער.

מערער הערט זיך אָן די קרעטשמע
ווי די מיל, די לאַנג פאַרלאָזטע.
נאַכטצײַט הערט מען, ווי געהוליע
וואָלט פון דאָרט אַרויסגעשאָסן.

עמעץ דאָרטן פירט די גרענדע
מיט אַ דונער און מיט בליצן.
אין דער פלאַמיקער טשופּרינע
מוזן שטעקן הערנער־שפּיצן.

עמעץ דרינדזשעט אויף אַ פּיאַנע,
וואָס זי הינקט אויף ביידע זײַטן,
און מע הערט אַ טויב געהעפּע
און געלאַך פאַרשטיקט־פאַרשײַטן.

אי געהוליע, אי געיעכצן —
און סע קומט אין ספּאַזמע־כוואַליעס,
און כיכיקענישן דינע
און מטורפדיקע יעלהס.

ווי מע ווייסט, וואָס דאָרטן טוט זיך?
פייגל מײַדן יענעם מקום,
ווײַל זיי ווייסן: דאָרטן וואַרגט מען —
נאָר דער ווינט ברענגט אַלץ צו טראָגן.

טייַוולצאַפּעס העפּען דאָרט און
פּאָרן זיך מיט אָדמס טעבטער,
און מע הערט, ווי מעקעקנישן
מישן זיך מיט גראָב געלעכטער.

נאָר אין מיטן דעם געהוליע
גיט אַ זעץ אַ טויבער דונער —
דער געבייַ פּאַרשווינדט, ווי קיין מאָל
וואָלט ער דאָרט זיך נישט געפונען.

און אַן עיפּושדיקע כמאַרע
הייבט זיך ביזן הימל סאַמע,
און ער פּאַלט אויף די אַרומען
די באַשאַפן אָפּצוסמען.

פון די פעלדער ווערן שטיינער,
זומפּן — פון די לעבעדיקע,
אונטער אָפּגעמעקטע הימלען
וואָגלען נעמט די ערד ווי שיכּור.

## הערשעלע, ר׳ ברוכלס רביצין און די הערשעלעכע

הערשעלע האָט געהאַט אַ כראַפּ
אויף ר׳ ברוכלס רביצין, ציפּע
און דאָס אייגענע ווײַב זײַנס אַליין איז געווען
שוין איין מאָל, איין מאָל אַ קליפּה

זיי פלעגן אויף הערשעלען קוקן קרום
און זײַן אויף אים אָנגעצויגן,
ווי קליין ער פלעג זיך נישט ווײַזן פאַר זיי,
אַלץ געווען זיי גרויס אין די אויגן.

האָט הערשעלע גוט געליטן דערפֿון,
אוןביידן איבערגעשוויגן —
נאָר זאָגן, אַז ר׳האָט נישט געטראַכט אויף זיי
קיין שום בייז — וואָלט געווען אַ ליגן.

נאָר וואָסער אַ בייז קען הערשעלע טון?
אַ רישעות? גאָט זאָל היטן!
אַז ר׳האָט נישט אַפֿילו קיין בייזע צונג,
זאָל ער האָבן בייזע געבליטן?

נאָר אלא וואָס דען? ער וועט אָפּטון אַזוינס,
וואָס אי ס׳זאָל קיינעם נישט וויי טון,
און אי ס׳זאָל גיין פֿון מויל צו מויל,
אַ גרינגס, און פֿון איין דור צום צווייטן.

זיי פּלעגן אים, ס׳זאָל נישט אויסגערעדט זײַן,
נאָר שטענדיק האָניען און יאָגן —
אי דאָס מיט אַזוינע משונה רייד,
אַז ס׳א בושה אויסצוזאָגן.

און פּלעגן פּלעגן זיי דאָס טון
כּמעט מיט די אייגענע ווערטער:
„כ׳האָב פֿײַנט, אַז מע קוקט מיר אַרײַן
אין די טעפּ,
גיי זוך דיר אַנדערע ערטער.

מ׳עט דיך רופֿן, אַז ס׳עט פּאַרטיק זײַן — "
ביי ביידן דאָס אייגענע לשון —
נאָר הערשעלע טראַכט זיך: ס׳עט קומען אַ צײַט,
וועל איך זיי באַצאָלן, די נשים.

די הערשעלעכע גיט נאָך צו:
"גיי הער, וואָס מע רעדט צווישן לײַטן —
גיי שעפּן לופט, און וווהין דו ווילסט
אַבי נאָר גיי וואָס ווײַטער".

זײַן ווײַב אַזוי און די רביצין —
מע הערט אים נישט אויף צו טרײַבן,
נאָר הערשעלע טראַכט זיך: ס'עט קומען אַ צײַט,
וועל איך זיי באַצאָלן, די ווײַבער.

שעפּ לופט אַהער, שעפּ לופט אַהין —
דעם מאָגן קען מען נישט נאַרן.
און די רייד פון יידע יידענעס,
ווי זאָלן זיי אים נישט אַרן?

נאָר פּאָרט אָבער ציט אים אין "הויף" אַרײַן —
אין קיך די דינסטן וואַרטן,
ער זאָל זיי קומען פאַרפרייטלעכן
די האָרעוואַניע, די האַרטע.

ער פאַלט אַרײַן אין קיך צו זיי
מיט אַ היימישן, ברייטן גוט-מאָרגן:
"איר מיינט, אַז איך האָב פאַרגעסן אין אײַך?
נו, דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן.

מע שמועסט אין גאַס, אַז מע באַקט ביי אײַך,
מע הערט ביי אײַך בראָקן און האַקן —
האָב איך זיי געזאָגט, אַז איר זענט שוין,
קיין עין-הרע, אויסגעבאַקן.

דערלאַנגט זשע מיר עפּעס ממשותדיקס —
— וואָס רויטלט איר זיך ביידע?
דערפאַר וועט איר האָבן אין הונדערט יאָר
אַ ליכטיקן גן־עדן״.

״מיר ווילן אַ ביסל גן־עדן שוין איצט —
אונדז זייַט עפּעס גיכערס מבטיח — ״
״נו, וועלן חתנים צוויי פון דער ווייַט
גיך און באַלד צון אייַך קומען צו פליִען״.

״אַזוי, ר׳ הערשעלע האָ׳מיר אייַך ליב —
און נאַט אייַך אַן אייערקיכל,
נאָר איצט,זייַט מוחל,הייבט די פיס —
די רביצין קומט באַלד צו קריכן״.

און הערשעלע גיט אַ שפּרונג אַרויס
דורכן פענצטער, וואָס שטייט פאַר אים אָפן —
ס׳האָט געפעלט אַ האָר, וואָלט די רביצין אים
אין קיך בייַ די דינסטן געטראָפן.

ביז איין מאָל איז הערשעלען צו צו דער גאַל:
״כ׳מוז הייַנט נאָך באַצאָלן די נשים —
דער מוח איז מיר נאָך נישט אויסגעדאַרט —
איך האָב אַ געדאַנק, נישקשה.״

נישט לאַנג געטראַכט, איז ער אַרייַן
צו דער רביצין, מיט אַ יללה:
״אַן אומגליק, רביצין, איז מיר געשען —
ס׳איז גאָרנישט אויסצומאָלן:

מײַן װײַב איז מיר נעבעך געװאָרן טויב,
אַז װינד איז מיר און װיי איז —
געװאָרן טויב װי טויזנט װענט —
און ס׳העלפֿן נישט קיין געשרייען.

אויף אַן אומגליק אַזאַ װער װאָלט זיך געריכט?
נאָר גיי פֿרעג בײַ דעם, װאָס לעבט אייביק.
װאָס הייב איך איצטער אָן צו טון,
װאָס הייב איך אָן, װאָס הייב איך?

פֿאַר װאָס אַזאַ שטראָף? פֿאַר װעלעכע זינד?
איך גיי דאָך אַראָפּ פֿונעם זינען.
זי איז אי מיר אַ מאַמע און אי אַ װײַב —
איר׳ט אַזוינס אויף דער װעלט נישט געפֿינען.

איך בין שוין געװען אויפֿן הייליקן אָרט,
איך האָב שוין געריסן קברים —
ניכײַ װאָלט עס גיכער געטראָפֿן מיר
אַז װיי צו מײַנע יאָרן!"

די רביצין שטילט אים אײַן: "דו׳סט נאָך זען,
אַז גאָט װעט אײַך העלפֿןביידן —
די טויבקייט װעט אַריבערגיין,
און מ׳עט עס דערציילן אין פֿריידן"

און הערשעלע האַלט עס כּמעט נישט אויס,
סע קיצלט אים אַ געלעכטער:
אוי, העלף מיר באַצאָלן די יידענעס,
דו, גרויסער גאָט גערעכטער.

און הערשעלע מאַכט:"איך לויף אַהיים —
זי קען זיך דאָרט אָנטון אַ מעשׂה,
חלילה־וחס,מײַן אויג אין קאָפּ,
מײַן געטרײַע שאָף,מײַן ווײַסע.

און טאָמער ווײַזט זי זיך הײַנט בײַ אײַך —
איז בעט איך אײַך, רביצין ווילע,
נישט רעדט צון איר ווי אַ מענטש צון אַ מענטש,
נאָר שרײַט אויף קולי־קולות"

ער יאָגט אַרויס פון דער רביצין
אַ פאַרקלעמטער — אים וואַרגן אַזש טרערן —
נאָר אין דרויסן צעלאַכט ער זיך שטיל אין זיך:
ס׳זאָל מיר נאָר פאַרשטערט נישט ווערן.

אַ האַלבע אַרבעט אָפּגעטון,
איצט דאַרף מען טון די צווייטע —
און ער פאַלט אַרײַן אין שטוב צו זיך
מיט אַ יאָמער:"אַ בראָך און אַ ווייטיק!

די רביצין, הערסטע, וויי איז מיר,
איז פלוצעם טויב געוואָרן —
נאָר אַלץ הייסט טויב — ווי טויזנט וועגט,
ווי פון גאָט ברוך־הוא אַ צאָרן.

פאַר איר געטרײַשאַפט קומט איר אַזוינס?
הערשעלעבע, ווו איז יושר?"
און הערשעלע פאַרברעכט די הענט:
"דערבאַרעם דיך, גאָט,דו גרויסער!

מע שרײַט צון איר, מע געוואַלדעוועט,
נאָר זי גלאָצט מיט די אויגן — וואָס ווייסט זי?
די שטוב איז דאָרט פול מיט יאָמער־געשריי,
און סע קומט נישט קיינער טרייסטן.

וואָס קומט דער רביצין אַזאַ שטראָף?
זי'ז דאָך נישט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך
אין מיטן אַ ליכטיקן, העלן טאָג
איז אַן אומגליק אַראָפּגעפאַלן.

איז נעם, הערשעלעכע, סערצע, קרוין —
און לויף צו אַהין, איך בעט דיך —
און נעם דאָרט אײַן די רביצין,
ווײַל די צרה איז גרויס, דו זעסט דאָך".

און הערשעלע כאַפּט זיך אָן בײַם האַרץ
און ווישט זיך דעם שווייס פונעם שטערן:
"און שרײַ צון איר אַזוי הויך ווי דו קענסט —
וועט זי אפשר עפּעס דערהערן".

די הערשעלעכע דערפילט אויף אַ מאָל,
אַז סע ווערן איר פול די אויגן —
זי כאַפּט אויף זיך עפּעס און פליט אַוועק,
צו דער רביצין,פײַל אויסן בויגן.

און ווײַטער זענען שוין איבעריק רייד —
אַז די צוויי האָבן זיך געטראָפן,
איז געוואָרן אין "הויף" אַזאַ מין געשריי,
אַז מ'איז זיך צונויפגעלאָפן.

דעם רבי ר׳ ברוכלס גאַנצער ״הויף״
און אַלע אַרומיקע הויפן,
און מעזשביש גאַנץ, פון קליין ביז גרויס,
זענען ראַפּטעם געקומען צו לויפן.

מע מיינט: אַ שריפה, חלילה־וחס,
צי אפשר גאָר גזלנים —
דערזעט מען: די הערשעלעבע שטייט
מיט דער רביצין פנים־אל־פנים —

און איינע צו דער צווייטער שרייַט
מיט אַזוינע ווילדע געוואַלדן,
אַז מ׳האָט געמיינט, אַז די ווענט פון דער שטוב
וועלן באַלד זיך אויף צווייען צעשפּאַלטן.

דערזעט מען, דערהערט מען אַזאַ געשריי —
הייבן אַלע אָן ריטשען און שרייַען —
און אַלע געשרייען הייבן זיך אויף
ווי כוואַליעס עד־לב־השמים.

מע שרייַט אויף קולי־קולות און
מע מאַכט משונה העוויות —
און הערשעלע שטייט אין גאַס און הערט
און איז זיך ממש מחייה...

## ניקוצע

אויך אַצינד וועל איך נישט זינגען
פון קיין פּרינצן און פּרינצאָכעס,
צי פון גראַפן און גראַפּיניעס,
אָדער פון אַ ריטער דאָרטן
מיט אַ שפּיז און מיט אַ פּאַנצער,
וואָס ער יאָגט זיך אויף אַן אָגער —
עמעצן אַדורכצושטעכן
און צו ראַבעווען זײַן בײַטל —
און איז גרייט צו וואַרגן, קײַלן —
אויב סע גייט אין אַ נקבה —

ניין, מײַן העלד איז פון די שטילסטע,
אָרעמסטע און שפּלדיקסטע,
וואָס איך האָב ווען ס'איז באַגעגנט.
ער האָט פּשוט — האָט געדאַכט זיך —
נישט געהאַט קיין שום השׂגה,
עפּעס אייגנס צו פֿאַרמאָגן,
חוץ די שמאַטעס אויפן לײַב און
עפּעס עסן אין דער טאָרבע.

אָנגעטון איז ער געגאַנגען
מער אין לעבער ווי אין שמאַטעס,
און מיט שטריק צונויפגעגאַרטלט,
אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייַל
אָן די שטריק וואָלט ער פאַרלוירן
אַלע שמאַטעס — ביז דער מינדסטער.

ווי ער הייסט? ניקוצע הייסט ער
ר׳איז געווען כּמעט אַ שטומער —
קוים טשעבעטשעט צוויי, דרייַ ווערטער,
וואָס מ׳האָט אויכעט נישט פאַרשטאַנען,
נאָר ר׳האָט דווקא יאָ פאַרשטאַנען
וואָס מע זאָגט אים — סייַ אויף יִדיש,
סייַ אויף וואָלעכיש, פאַרשטייט זיך.

* * *

ר׳האָט געוווינט אין באָד אין פירהויז,
און געווען דער שבת־גוי, און
אי דער באָד־גוי פונעם שטעטל.
שטילערהייט, אָן שום געבורטשע,
פלעג ער טון זייַן שטילע אַרבעט —
בלויז איין אַרבעט? אפשר פופצן —
ווינטער אייַנהייצן די אויוונס
אין די פראָסטיקע שבתים,
אויך אין שיל און אין בית־מדרש,
און אַלץ קומען אונטערהייצן,
— און מע דאַרף עס אים נישט הייסן —
און אַראָפּנעמען די לייַכטערס
פונעם טיש, און נאָך כּדומה
וואָס מע טאָר נישט טון אום שבת —
און דאָס מרחץ ערב־שבת

איז אויף קיינעם נישט געלעגן,
נאָר אויף אים אַליין אין גאַנצן —
אַז קיין פּאַרע זאָל נישט פעלן
און קיין בעזעמלער, חלילה —
און אין מיטוואָכן — די ביטלען
פאַר די ווײַבער פונעם שטעטל
און אַ גאַנצן יום־הקדוש,
נאָך פון סאַמע פאַר כּל־נדרי,
אָפּהיטן די ליכט אין שיל און
די נשמה־ליכט אין פּאָליש —

ס'איז דאָך נישט קיין פּראָסטע וואַקסליכט
מאַמעס, מיט געוויין און תּחינות,
האָבן דאָך אַרײַנגעקנעטן
אינעם וואַקס נשמה־קנייטלעך,
צוגעלייגט אַלץ נאָך אַ קנייטל
און דערבײַ דערמאָנט די נעמען
פון געטרײַע אָפּגעשיידטע,
און געבעטן, זיך צו מיען
און צו זײַן מליצי־יושר
פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל,
וואָס איז אויסגעווייקט אין צרות,
און זיי זאָלן אונדזער תּפילה
פאַרן כּיסא־הכּבוד ברענגען
און דאָרט אויסבעטן חסדים
און ישועות ונחמות — — —

ווייסט דאָס אַלץ ניקוצע? אָסור,
אָבער עפּעס איז אים, זעט מען ...
מ'האָט אים איין מאָל אָנגעשראָקן:

גאָר אַ מאָל נאָך: ״הער, ניקוצע —
ס׳איז יום־כּיפּור... טאָמער עפּעס
ווערט זיך טרעפן מיט די וואַקסליכט,
ווערט דיך גאָט דערפאַר באַשטראָפן...״

איז פון סאַמע פאַר כּל־נדרי
ביז נאָך נעילה און נאָך מעריב
פּאַדעט ער אַרום אין פּאָליש,
אינעם וואַלד מיט הויכע וואַקסליכט,
עפּעס אַנדערש פּאָרט ווי תּמיד —
די מתפּללים אין שיל און
די נשמה־ליכט אין פּאָליש
וואַרפן אויף אים אָן אַ מורא —

און דער פּאָליש איז אַ פולער,
פול מיט קעסטלעך זאַמד, מיט פרישן
און באַשטעקט מיט הויכע וואַקסליכט,
וואָס זיי וואַקסן פון די זאַמדן,
און מע דאַרף זיי היטן, היטן,
אַז דער קנויט זאָל זיַין אַ גלייַכער —
צי אַז טאָמער קומט אַ זשוקל
און פאַרפליט אַריַין אין פלעמל
צי אין טייַכל וואַקס צעלאָזטן,
ווּ סע שווימט אַרום דאָס פלעמל —
דאַרף מען עס מיטביידע פינגער
טון אַ שלעפּ אַרויס פון דאָרטן —
ווייַל דאָס ליכט קען נעמען וויינען
און זיך עקן פאַר דער צייַט נאָך —

ווייסט ניקוצע, אַז דאָס פּלעמל
דאַרף זיך ציִען גלײַך אַרויף צו,
גלײַך אַרויף צו צו די הייכן
און דאָרט פּועל זײַן ישועות?
אָסור, אָבער עפּעס איז אים
און ער האָט פּאַר עפּעס מורא...

דאָס זענען די מעשׂים־טובים,
וואָס ניקוצע טוט כּסדר
אינעם מרחץ און, להבדיל
אין דער שיל אום יום־הקדוש,
און אין פּראָסטיקע שבתים
סײַ אין שיל און סײַ אין שטעטל.

ווער סע צאָלט אים? שטעטל צאָלט אים,
מע באַעוולהט אים נישט קיינער
און ער האָט מיט זיך אַ טאָרבע,
וואָס ער האַלט דערין די עסנס,
וואָס ער קלויבט אין די שבתים,
און ער לייגט זי זיך צוקאָפּנס,
אָט די גוטע טאָרבע זײַנע.
און סע חלומט זיך אים עפּעס,
נישט קיין שלעכטס, נאָר ער געדענקט נישט.

*

קיינער ווייסט נישט ווען ניקוצע
האָט אין שטעטל זיך געיִאַוועט
אָבער אַלטע גויים זאָגן,
אַז מ׳האָט אים געפונען זשיפּען

ערגעץ אין אַ טיפער בלאָטע,
און אַ "זינדיק שטיק" נישט אַנדערש,
האָט אים דאָרט אַוועקגעוואָרפן,
באַלד ווי זי האָט אים געבוירן.

פונעם מאַרק איז מען געפאָרן
שפּעט בײַ נאַכט — דערהערט מען פּלוצעם:
עפּעס פּישטשעט אין דער בלאָטע
ניין, דאָס קען נישט זײַן קיין פויגל,
גייט מען צו — אַהאַ אַוודאי!
ס'איז אַ פּיצל קינד, אַן עופל
נישט אַפילו אין קיין שמאַטע,
נאָר אַ נאַקעטס אין דער לבאָטע,
און די נאָפּלשנור זיך פּלאָנטערט
צווישן זײַנע פּיצלעך פּיסלעך.

האָט מען עס אַהיימגענומען
און מ'האָט עס אַרומגעוואַשן,
און מ'האָט עס גענומען קאָרמען,
ווי מע קאָרמעט עס אַ הינטל,
אַ געפונענס — פון רחמנות.

ווער — דער טאַטע? ווער — די מאַמע?
גיי געפין דעם ווינט אין לאָנקע,
ווײַסע־חברה אינעם שטעטל
האָבן ליב צו פרעגן: "הער נאָר
האָסט אַ מאָל געהאַט אַ טאַטן?"

זאָגט ער: "נ'אַם אַוווט" *) — און פאַרטיק
"האָסט אַ מאָל געהאַט אַ מאַמע?"
טראַכט ער, טראַכט — און ענטפערט גאָרנישט.

און אַזוי פאַרגייען יאָרן,
על־פּי־חשבון — זאָגן ייִדן —
איז ניקוצע דאָ אין שטעטל
דרײַסיק יאָר און מיט אַ סמיטשיק.
שטילערהייט, אָן שום געבורטשע,
היט ער אָפּ די פּאָר מלאכות,
וואָס ער האָט אויף זיך גענומען —
און סע פֿאַלט נישט אײַן גאָר קיינעם,
אַז דאָ קען זיך עפּעס בײַטן.

איין מאָל, אָבער, און פּלוצטהאַלבן
הייבט ניקוצע אָן זיך קלאָגן,
אַז סע שטעכט אים אין די זײַטן,
וואָס אַ טאָג — און ס'ווערט אַלץ אַרגער —
קניפּיקלעך צוויי אָנגעשאַרפּטע
שטייען אים אין די געדערעם
וואָס וועט זײַן? סע ווערט נישט גרינגער.

האָט דער שוחט אים געגעבן
אין דער האַנט אַרײַן אַ בריוול
און אין בריוול איז געשטאַנען,
אַז מע דאַרף ניקוצען העלפֿן
פֿאָרן זען אין שטאָט אַ דאָקטער
און מע בעט בײַ איטלעך איינעם
וויפֿל נאָר זײַן האַרץ באַוויליקט —
און צום סוף שטייט: בני־רחמנים,
ניטע לאָזט אַ מענטשן פֿאַלן,
און די מיצווה איז אַ גרויסע.

איז ניקוצע, אַ פֿאַרקרימטער,
מיטן ביסל געלט אין טאָרבע,
באַלד אַוועק צו פֿוס קיין סטראַשנע
זען אַ דאָקטער פֿאַר זײַן ווייטיק.

אָפּגעזאַמט זיך צוויי מעת-לעתן —
און איז נישט צוריקגעקומען —
ביזקל עמעץ האָט געפֿונען
לעם אַ טײַך און אין אַ בלאָטע
אַ פֿאַררעגנט בינטל שמאַטעס,
טאַקע אויפֿן וועג קיין סטראַשנע —
און דערונטער — אַ פֿאַרשטאַרטער
עמעצער אין דרײַ געקאָרטשעט...

---

*) ראָמעניש: "כ'האָב נישט געהאַט

# אַ מעשׂה־נורא

ערגעץ ליגט פֿאַררוקט ביַי מיר אין קאָפּ
אַ מעשׂה —
נישט קיין סתּם אַ מעשׂה, נאָר אַ מעשׂה־נורא,
וואָס זי האַלט זיך קוים אין מיר און וועט פֿאַרפֿליִען,
וויַיל די פֿעדעם אירע האַלטן זיך אין רײַסן.
און סך־הכּל קען איך נישט די גאַנצע מעשׂה,
נישט דעם אָנהייב אירן, און אויך נישט איר מיטן —
בלויז איר סוף טאַלעפּעט זיך אין מיר אַ שפּליטער.
נאָר איך טראָג זי אין מיר אַלץ אַרום פֿונדעסן.

שוין געמיינט נישט איין מאָל: אויס! — איז נישט,
ווער דאַרף זי?
נאָר אַ בענקעניש נאָך איר איז פֿאָרט געבליבן,
און מיט בענקענישן קען מען זיך נישט באָרען
וואָרום אַז מע מיינט, אַז מ׳איז זיי בײַגעקומען,
מאַכט מען דאָך — ווער ווייסט עס נישט? — אַ גרויסן
טעות,
ווײַל אַ בענקעניש פֿאַרפֿליט דאָך נישט אין גאַנצן,
נאָר זי לאָזט נאָך זיך איר נעסט, און אינעווייניק
לאָזט זי איבער אירס אַן אייעלע, אַ בלאָלעכס...

און אַ מאָדנער פויגל קומט מיר אַלץ צו חלום,
און ער בעט זיך: "איך וועל דאָך נישט לעבן אייביק
נעם זשע און פֿאַרשרײַב די מעשׂה נורא דײַנע —
איך האָב צוגעזען ווי זי איז זיך פֿאַרלאָפּן —
און איך בין דיר גרייט זי איבערצודערציילן —
שטייט דאָך ווו געשריבן, אַז דער הימל־פויגל
פירט דאָס קול און קומט דערציילן ווו דער סוד איז.

אין אַ פינטל מיטן אויג האָט מיר דער פויגל
אַלץ געוויזן, און ער איז אַוועקגעפלויגן.
און כ'האָב וואַכערהייט אים נאָכגעשיקט די אויגן.

*

מײַנער גאָר אַ ווײַטער קרוב — איך געדענק נישט
צי אַן עלטער־עלטער־פעטער, צי גאָר אפשר
איינער פון די עלטער־עלטער־זיידעס מײַנע,
האָט געהאַלטן די רעגאַטקע שיינע יאָרן
ערגעץ צווישן צוויי יישובים, צווישן וועלדער.
לעבן דער רעגאַטקע פלעג ער טאַקע
וווינען,
אין אַ כאַטע מיט אַ טיר און מיט אַ קוימען
איין אַליין אַ גאַנצע וואָך, און נאָר אויף שבת
פלעג ער גיין — מיט ווײַב און קינדער זײַן אין איינעם
און בציבור דאַוונען בײַ זיך אין קלײַזל.
אויך אַזוי, פֿאַרשטייט זיך, אויף די ימים־טובים
אים האָט קיין מאָל זיך קיין מכשול נישט געטראָפֿן
ר'איז געווען אַ ייד — אַ גבר, זיך נישט געשראָקן
פֿאַר קיין מענטשן, פֿאַר גזלנים, צי פֿאַר שדים.
ר'האָט געוווסט, אַז גאָט איז אַ געטרײַער היטער —
אויב מע טוט נאָר וואָס די תּורה האָט געהייסן.

פלעג ער אָט אַזוי, ווי זומער און ווי ווינטער,
פרײַטיק אויפשטיין פריִער פון דער זון אַפילו,
נעמען אַ פּאָר ווערטער ייִדישע אין מויל, און
די מזוזה טון אַ קוש, און זיך פֿאַרנעמען
גיין אַ פינעף שעה — דעם וואַלד אַדורכצושנײַדן.
ר׳האָט מיט זיך אַ פולן טלית־זאַק בטחון,
און דאָס בענקעניש נאָך ווײַב און קינדער וואַרעמט.

פאַר קיין שנייזאַווי זיך קיין מאָל נישט געשראָקן.
און פון רעגנשלאַקסן פלעג ער ממש לאַכן.

אין אַ ברעזעוועלדל אין אַ מיטן לאָנקע,
אין אַ מיטן וואַלד, ווי ס׳וואָלט אויף אים
געוואַרט דאָרט
פלעג ער שחרית דאַווענען — און פלעג זיך לאָזן
ווײַטער גיין אַהין וווּהין ס׳האָט אים געצויגן.

איין מאָל, אָבער, איז אַ טבת אויסגעפאַלן,
וואָס אַזוינער האָט זיך זעלטן ווען געטראָפן.
זאַווערוכעס, שנייען ביז די סאַמע דעכער,
און אַ פראָסט, אַז פייגל פאַלן פון דער לופטן,
און די הייך צעטאָפּעט זיך — מע זעט זי גאָר נישט.
עפענען אַ טיר איז ממש מיטן לעבן,
און אין וועג זיך לאָזן — פאָלנע משוגעת.
נאָר דער ייִד, דער עלטער־עלטער־פעטער מײַנער,
צי ס׳איז גאָר געוועזן אַן עלטער־עלטער־זיידע —
לאָזט זיך יאָ אין וועג אַרײַן, צו ווײַב און קינדער
בראָדזשעט ער אַ שעה — און ס׳הייבט אים אָן זיך
דאַכטן
אַז ער בלאָנדזשעט — הייבט ער אויף דעם קאָפּ צום
הימל:

„גאָט געטרײַער״ — און ער פֿאַלט נישט שיר אַנידער.
שנייען בושעווען און בלינדיקן די ראיה —

ר׳האָט פֿאַרבלאָנדזשעט טיף אין די געדיכטענישן
פֿון אַ טיף פֿאַרשנייטן דעמבנוואַלד, אַ הויכן
און אַ פֿויער — יאָ, אַן אַנגעפּעלצטער פֿויער,
הויך — אַ דעמב, און מיט אַ וויסטער, ווײַסער
קוטשמע,
שטעלט זיך אַלץ אין מיטן וועג און לאָזט נישט
דורכגיין,
פֿאָכעט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: פֿאַרנעם דיך
רעכטס צי לינקס, נאָר גלײַכער גיי גאָר נישט אין
גאַנצן...
קער דיך אום צוריק צו דער רעגאַטקע דײַנער
ביז דער וויכער וועט אַריבער, ביז נאָך שבת.

וויפֿל אַלץ דער ייִד צעבעט זיך: „לאָז מיך דורעך,
לאָז מיך דורעך צו מײַן ווײַב און מײַנע קינדער״ —
נאָר דער פֿויער שטייט און פֿאָכעט מיט די לאַפּעס:
„קער דיך אום צוריק אין דער רעגאַטקע־כאַטע״.
וויל דער ייִד זיך נעמען לינקס — וואַקסט אויס דער
פֿויער
אויבעט דאָ און פֿאָכעט צון אים מיט די לאַפּעס:
„קער דיך אום צוריק אין כאַטע — רעדט מען צו דיר״
וויל דער ייִד זיך נעמען רעכטס וואַקסט אויס דער פֿויער
אויבעט דאָ און פֿאָכעט צון אים מיט די לאַפּעס:
— „וואָן! פּאַשאָל! צוריק אין דער רעגאַטקע־כאַטע!״
און אַזוי אַלץ ווייס איך וויפֿל מאָל, מסתּמא
שעהען לאַנגע — נאָר דער פֿויער בלײַבט פֿאַרעקשנט
און סע קען בײַ אים דער ייִד זיך נישט דערבעטן —
ביז ער זאָגט צון אים, נאָר אָבער שוין מיט רוגזה:

„רשע, לאָז מיך דורעך — לאָ'מיך נישט פאַרפירן
קיין געשלעג מיט דיר — דו האָסט דאָך אויך מסתּמא
ווײַב און קינדערלעך, און דו ביסט זייער שפּײַזער —
האָב, איך בעט דיך, גאָט אין האַרצן לאָז מיך דורעך" —

נאָר דער פּויער הוקעט גאָר דעם ייד אין פּנים,
און דער„הור־הור־הור" הייבט אָן זיך ווינטיק קײַקלען
און פאַרטייבט דעם ייד און וויל אים, דאַכט זיך, וואַרגן.

האָט דער ייִד פאַרקלעמט דעם קוליק, און פאַרביסן
ציין און ליפּן, און דערלאַנגט אַ זעץ דעם פּויער
גלײַך אין האַרצן, און אַ צווייטן און אַ דריטן —
וויפל ס'האָט געקלעקט דער כּוח. נאָר דער פּויער
איז געשטאַנען און זיך נישט קיין ריר געגעבן.

האָט דער ייִד אַ פּאַל געגעבן — און אַ קאָלדרע
שנייען וואַרעמע האָט אים אַרומגענומען.

שבת האָט דער וויכער זיך געלייגט, און זונטיק
האָבן ייִדן זיך געלאָזט דעם ייִדן זוכן —
ווער מיט שליטנס, ווער אויף פערד, און מ'האָט
געניִשטערט
אויפן גאַנצן וועג צו דער רעגאַטקע־כאַטע,
קעגן נאַכט צו האָט מען אים געפונען ליגן
אַ פאַרשטאַרטן לעם אַ דעמב — דער רעכטער קוליק,
אַ צעפּטרטער, אין בלוט אַן אײַנגטונקטער.

# פון מײַן מאַמעס מעשׂהלעך

## דאָס שענצטע ייִנגעלע

אַ מאָל איז אַ מאַמע געגאַנגען אַוועקטראָגן איר ייִנגעלע אין חדר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. באַגעגנט זי אַ צווייטע ייִדענע: "וווּהין גייט איר?" "איך גיי — אַוועקטראָגן מײַן ייִנגעלע אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער". זאָגט די ייִדענע: "איך גיי דאָרט פֿאַרבײַ — קען איך עס פֿאַר אײַך מיטנעמען וועלעכס איז אײַער ייִנגעלע?" זאָגט די מאַמע: "דאָס שענצטע ייִנגעלע אין חדר איז מײַנס".

האָט די ייִדענע מיטגענומען דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער און עס געגעבן איר אייגן ייִנגעלע...

## אַ געזונטע מאַמע

אַ מאָל איז געווען אַ מאַמע, האָט זי געהאַט אַ טבע, אַז איידער זי האָט געגעבן די קינדער אירע עסן, איז זי פֿריער אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין אַלקער און זיך גוט אָנגעגעסן, און ערשט דערנאָך האָט זי געגעבן די קינדער עסן.

האָט'ן זי געפֿרעגט: "אַזוי טוט אַ מאַמע?" זאָגט זי: "וואָס ווילט איר? איך האָדעווע זיי אַ געזונטע מאַמע..."

## משהלע זאָל עס הייסן!

אַ מאָל איז געווען אַ מאַמע, מסתּמא אַ ביסל אַ צעדרייטע, איז בײַ איר געשטאָרבן אַ ייִנגעלע — נישט פאַר קיינעם געדאַכט, ס'האָט געהייסן משהלע. ס'איז אַריבער אַ יאָר, האָט זי ווידער געהאַט אַ ייִנגעלע, און אים ווידער אַ נאָמען געגעבן משהלע, איז דאָס אויך געשטאָרבן. אַז ס'איז איר געבוירן געוואָרן אַ דריט ייִנגעלע און זי האָט אים ווידער געוואָלט אַ נאָמען געבן משהלע, האָט מען איר געזאָגט: "סטײַטש, זעסט דאָך אַז קיין משהלעך האַלטן זיך נישט בײַ דיר." האָט זי אַ מאַך געטון, און געוויזן מיטן פינגער אויפן פּיצל קינד:
"די כּפּרה זאָל עס ווערן, און משהלע זאָל עס הייסן!"

## ער איז שוין משוגע געוואָרן

אַ מאָל האָט אַ ייִד איבערגעלאָזט זײַן ייִנגעלע אַ ירושה, אָבער אין דער צוואה איז געשטאַנען, אַז מע זאָל זי אים געבן ערשט אַז ער וועט משוגע ווערן. אַז דער ייִד איז געשטאָרבן, איז מען אַוועק מיט דער צוואה צום רב, פרעגן, וואָס דער ניפטר קען דאָ האָבן געמיינט. זאָגט דער רב: "לאָזט די ירושה בײַ מיר און איכל אײַך שוין זאָגן ווען מע דאַרף זי אים געבן..."

גוט. דאָס ייִנגעלע איז אונטערגעוואַקסן, מע דאַרף אים שיקן אין אַ חדר. — גייט מען צום רב נאָך שכר־לימוד זאָגט ער: "ניין, נאָך נישט" נו, אַז דער רב זאָגט, מסתּמא ווייסט ער וואָס ער זאָגט.

דאָס יינגל איז אונטערגעוואַקסן, מע דאַרף אים שיקן אין אַ ישיבה. — גייט מען צום רב: מע דאַרף האָבן אויף הוצאות, אויף מלבושים. נאָר דער רב זאָגט: "נאָך נישט" דער בחור איז געוואָרן אַ חתן, מ'האָט אָפּגעשמועסט דעם זמן־חתונה, נאָר דער רב זאַגט אַלץ: "נאָך נישט" ס'איז געבוירן געוואָרן אַ יינגעלע, מע דאַרף מאַכן אַ ברית, אַ שימחה. נאָר דער רב שרייַט אַלץ: "נאָך נישט"

ביז, איין מאָל איז דער רב פאַרבייַגעגאַנגען פאַר דער שטוב פונעם יונגן פּאָרפּאָלק, הערט ער פון אינעווייניק געלעכטערדיקע געשרייען. גייט ער אַרייַן — שטייט דער יונגער טאַטע אויף אַלע פיר און דאָס קינד זייַנס רייַט אויף אים. האָט דער רב אַ זאָג געגעבן: "גיט אים די ירושה ער איז שוין משוגע געוואָרן..."

## דאָס מילעכיקע טעפּל

אַ מאָל האָט אַ יונג ווייַבל געוויינט בייַ דער מאַמען אויפן קבר:
"מאַמע, דאָס מילעכיקע טעפּל איז מיר קליין געוואָרן". איז הינטער אַ צווייטער מצבה געזעסן אַ מה־יעשהניק, אַ לץ — האָט ער נאָכגעמאַכט דאָס קול פון אַ מת און געזאָגט:
"טאָכטער, גיי אַהיים און וואַש אויס דאָס טעפּל וועט דאָס טעפּל ווידער גרויס ווערן"

# די האַק

אַ מאָל איז אַ מיידל געזעסן פאַרטראַכט און געקוקט אויף אַ האַק, וואָס איז געהאָנגען אַקעגן איר, אויף דער וואַנט. פּלוצעם האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. "וואָס וויינסטו?" זאָגט זי: "וואָס זאָל איך נישט וויינען? כ'וועל אַ מאָל חתונה האָבן און האָבן אַ קינד — קען נאָך מייַן קינד זיצן אונטער אָט דער האַק און זיך שפּילן, קען נאָך די האַק אַראָפּפאַלן און מיר הרגענען ס'קינד..."

# נאָר וואָס איז דאָ דער חידוש?

נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע אין קיך און מיט אַ שטוב מיט קינדער — איז אַ מאָל אַ יידענע געגאַנגען אָוועקטראָגן צוויי ליכט אין שיל אַרייַן.

עפּנט זי די טיר פון דער שיל און גיט אַ טיפן זיפץ: "אוי, גאָטעניו, ווי שיין און ריין קענעהאָרע בייַ דיר איז, און ווי ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך! נאָר וואָס איז דאָ חידוש — דייַנע קלייַנע קינדער דאָסן דיר אָן?".

## הערשעלע

הערשעלע האָט אַ מאָל געזאָגט צו זײַן ווײַב
„הערסטע, מײַן ווײַב: ווער פון אונדז סע זאָל פריער
נישט שטאַרבן — הייב איך מיך תּיכּף אויף און פֿאָר מיר
אַוועק קיין ארץ־ישׂראל".

## אַ ווײַסע הון אָן אַ ווײדל

אַ מאָל איז אין אַ באַלעבאַטישקייט פֿאַרלוירן
געגאַנגען אַ ווײַסע הון אָן אַ ווײדל. ס'איז פונקט געווען
שבת, איז זי אַ ייִנגעלע געגאַנגען זוכן. זעט ער אַ
ייִדענע. פרעגט ער זי:
„אפשר האָט איר דאָ ערגעץ געזען אַ ווייסע הון, גוט־
שבת אײַך, אָן אַ ווײדל?"

## נישט דער מאַמעס גרויפּן

אַ מאָל געווען אַ ייִדענע, איז זי געווען — סע זאָל
נישט אויסגערעדט זײַן אַ שטינקערין. און די גרויפּן
פלעגן בײַ איר תּמיד פֿאַרברענט ווערן. זי האָט געהאַט
אַ זון, האָט ער געמיינט, אַז אַזוי דאַרפֿן טאַקע גרויפּן
זײַן — צוגעברענט. אַז ער האָט חתונה געהאַט, האָט
אים דאָס ווײַב אויך געקאָכט גרויפּן. בײַ איר זענען זיי

נישט צוגעברענט געוואָרן. "ווי געפעלן דיר מײַנע גרויפּן?" זאָגט ער: "ס'איז נישט מײַן מאַמעס גרויפּן..." חידושט זי זיך: "וואָס זאָל דאָס זײַן?" אַ צווייט מאָל האָט זי די גרויפּן בעסער אונטערגעשמאָלצן אַבי סע זאָל דעם מאַן געפעלן. נאָר אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער ווידער אַ זיפץ געגעבן: "נישט מײַן מאַמעס גרויפּן." איין מאָל אָבער האָט זי צוגעשטעלט גרויפּן און זי האָט זיך פֿאַררעדט מיט אַ שכנה — זענען בײַ איר די גרויפּן צוגעברענט געוואָרן. טראַכט זי זיך: "אוי, דער מאַן וועט מיר שוין מסתמא וואַרפֿן די גרויפּן אין קאָפּ אַרײַן..." אַז ער האָט אָפּגעגעסן, פֿרעגט זי אים אין איינע שרעק: "ווי געפעלן דיר די גרויפּן?" האָט ער אַ שמייכל געטון: "ס'איז שוין מײַן מאַמעס גרויפּן"...

## ווען כ'ווייס, אַז ס'איז אַ הינדיק

אַ יידענע האָט אַ מאָל געקויפט אַן עוף אויף שבת. זי האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ הון.

באַגעגנט זי אַ צווייטע יידענע און פֿרעגט זי: "וויפֿל האָט איר באַצאָלט פֿאַרן הינדיק?" זאָגט זי: "אַ הינדיק? ווען כ'ווייס, אַז ס'איז אַ הינדיק, קען איך אים נישט אַהיימטראָגן..."

## מאַך אים אַ ברית

אַ שווער האָט זיך אַ מאָל שטאַרק פאַרוואָלט אַן איניקל, און קיין איניקל איז נישט געווען, זאָגט ער דעם איידעם זיינעם: „מאַך אַ ברית, לאָז איך דיר מאַכן אַ נייַע קאַפּאָטע.” נו, צום יאָר האָט דאָס יונגע ווייַבל געהאַט אַ ייִנגעלע, אָבער דער שווער האָט זיך אַלץ געמאַכט נישט ווויסנדיק.

איז דער איידעם אַרומגעגאַנגען און געבורטשעט „מאַך אים אַ ברית...גיי מאַך אים אַ ברית...”

## אָסיע, אָסיע, פּינע נאָסיע

אַ מאָל האָט אַ מאַמע געהאַט דרייַ טעכטער, וואָס זיי האָבן אַלע גערעדט טשיפּעליאַווע. איין מאָל האָט זיי אַ בחור געדאַרפט קומען אָנקוקן און זיך אויסקלויבן איינע פון זיי פאַר אַ כלה, האָט זיי די מוטער אָנגעזאָגט:
„אַז דער יונגערמאַן וועט זיצן און קוקן אויף אייַך זאָלט איר גאָרנישט רעדן...”

געקומען דער בחור — זיצט ער און קוקט אויף זיי. דערווייַל לאָזט זיך אַראָפּ אַ שפּינעלע פון דער סטעליע גלייַך אויפן בחורס נאָז. זאָגט איינע: „אָיסע, אָיסע פּינע נאָסיע! (ד"ה חתן, חתן אַ שפּין איז דיר אויף דער נאָז) מאַכט די צווייטע: „מאַמע הייסע פּייַגע!”(ד"ה די מאַמע האָט געהייסן שווייַגן) זאָגט די דריטע: „אי פּייַגע גאָע...”(ד"ה איך שוויַיג גאָר).

## לאָז זײַן ווי דער שוחט זאָגט

אַ ייִנגעלע איז אַ מאָל געשטאַנען ראש־השנה נאָכן דאַווענען פֿאַר דער שיל, און געהערט, ווי דער שוחט ווינטשט איינעם: "לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים" —

האָט עס דאָס ייִנגעלע נישט געקענט נאָכזאָגן — האָט זיך עס אַוועקגעשטעלט פֿאַר דער שיל און אַלעמען געווונטשן: "לאָז זײַן ווי דער שוחט זאָגט... לאָז זײַן ווי דער שוחט זאָגט..."

## אײַך יאָ... אײַך נישט...

אַ מאָל איז אַ ייִנגעלע געשטאַנען ראש־השנה נאָכן דאַווענען פֿאַר דער שיל און איטלעכן ייִדן געווונטשן אַ גוט יאָר. האָט עס די מאַמע זײַנע דערזען, זאָגט זי: "ווײ איז מיר, מײַן קינד, וועסט דאָך חלילה פֿאַרמאַטערט ווערן, מע זאָגט איינעם יאָ און איינעם נישט — ווי סע קומט שוין אויס, אָבער נישט איטלעכן איינציקן ייִדן."

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה איז שוין דאָס ייִנגעלע געשטאַנען נאָכן דאַווענען פֿאַר דער שיל און איטלעכן לויט דער ריי געווונטשן:
"אײַך יאָ אַ גוט יאָר...אײַך נישט קיין גוט יאָר
אײַך יאָ אַ גוט יאָר... אײַך נישט קיין גוט יאָר..."

## מיר לעקן דאָ האָניק?

אַ יידענע איז אַ מאָל אַרייַנגעפאַלן אין אַ קרעטשמע מיט אַ געוואַלד, אַהיימצונעמען דעם מאַן אירן, וואָס האַלט אין איין שיכּורן. רופט ער זי צו און גיט איר אַ ביסל בראָנפן צו פאַרזוכן, גיט זי אַ לעק און שפּייַט אויס: „ס'איז דאָך ביטער!" זאָגט ער: „וואָס זשע האָסטו געמיינט — אַז מיר לעקן דאָ האָניק?"

## איך שיק איר...

געקומען אַ מאָל יידענע צום רב, זיך באַקלאָגן אויף איר מאַן: ער מיסחרט אין אַ דערבייַיקער שטאָט, און ער שיקט מיר גאָרנישט אויף חיונה פאַר מיר מיט די קינדער.

האָט דער רב געשיקט אַ שליח און באַפוילן דעם יידן, אַז ער וויל אים זען. אַז דער ייד איז געקומען, פרעגט אים דער רב:
„סטייַטש, אַזוי פירט זיך אַ ייד?"
„זאָגט ער: רבי, איך שווער אייַך, אַז איך שיכּור און שיכּור און זי שרייַט אז איך שיק איר נישט..."

## אַ נײַע שיל

מ׳האָט אַ מאָל אין אַ שטעטל געדאַרפט בויען אַ נײַע שיל. שטייט אַ רעדל בעלי־בתּים אין מאַרק און איינער ווײַזט אויף זײַן דלאָניע, ווו אַלע וועלן זיצן: ״דאָ וועט זיצן דער רב, דאָ דער גבאי, דאָ שמואל־אַבא דאָ איציע־בער...״

עפנט אויף איציע־בער די האַנט און ווײַזט: ״דאָ וועל איך זיצן?!״ (און ער גיט אַ שפּיי אויף דער דלאָניע און אַ וויש דערויף מיט דער רעכטער האַנט:) טפו! אויס שיל!...

## כ׳האָב שוין דאָס לאַנג געטראַכט

אַ ביטער קראַנקע יידענע האָט אַ מאָל געזאָגט דעם מאַן אירן: ״מײַן ליבער מאַן, איכ׳ל דאָך אין גיכן שטאַרבן, און דו וועסט דאָך מסתּמא וועלן נאָך אַ מאָל חתונה האָבן — בעט איך דיך: איך האָב אַ שוועסטער, אַ ייִנגערע פון מיר נעם זשע, איך בעט דיך, נישט קיין אַנדערע, נאָר זי —״

האָט זיך דער מאַן געגעבן אַ כאַפּ בײַם האַרץ: ״אוי, כ׳זאָל שוין טאַקע אַזוי זיין געזונט ווי כ׳האָב שוין דאָס לאַנג געטראַכט...״

# היט דיך פאַר אַ רויטן

איין מאָל האָט אַ ייד פאַרן טויט, אָנגעזאָגט דעם זון זייַנעם, אַז ער זאָל זיך היטן פאַר אַ רויטן. "נאָר טאָמער דו וועסט האָבן צרות פון אַ רויטן, זאָ׳סטו גיין צון אַ רויטן — זיך האַלטן מיט אים אַן עצה."

ס׳איז אַוועק אַ צייַט, האָט דער זון חתונה געהאַט, און ער איז דווקא אַרייַנגעפאַלן צון אַ רויטן שווער. דער שווער האָט אים צוגעזאָגט צען יאָר קעסט. ס׳איז געווען אין חודש תמוז, אין אַ מסוכּנדיקער היץ. אַ טאָג נאָך דער חתונה קומט אַרייַן דער שווער צום איידעם און ווישט זיך דעם שווייס: "אַזאַ היץ — אַ טאָג אַ יאָר." און דער איידעם האָט צופּאָטאַקעוועט: "אַ טאָג — אַ יאָר...

אַזוי איז דער שווער איטלעכן טאָג אַרייַנגעקומען אַ פּרייַכנדעקער: "אַ טאָג — אַ יאָר!" און דער איידעם האָט אַלץ צופּאָטאַקעוועט: "אַ טאָג — אַ יאָר..." נאָך די צען הייסע טעג קומט אַרייַן דער שווער צום איידעם און מאַכט צון אים: "אַ טאָג — אַ יאָר, אַיאָ? אויב אַזוי, מייַן איידעם, זענען שוין אַריבער די צען יאָר קעסט — פּאַרנעם דיך!"

וואָס טוט מען דאָ? — טראַכט זיך דער איידעם ס׳איז אים אויסגעקומען צו נעמען דאָס יונגע ווײַבל און זיך מיט איר אין איינעם אַרײַנוואַרפן אין וואַסער אַרײַן. האָט ער זיך דערמאָנט דעם טאַטנס צוואה, אַז ער זאָל גיין זיך האַלטן אַן עצה מיט אַ רויטן — אויב ער׳ט האָבן צרות פון אַ רויטן. איז ער אַוועק צון אַ רויטן און אים דערציילט: אַזוי און אַזוי. האָט אים דער רויטער געזאָגט: ״גיי זאָג דײַן שווער, אַז אויב מע לעבט מיט אַ ווײַב צען יאָר און זי האָט נישט קיין קינדער מעג מען זי גטן...זאָג אים, אַז דו גייסט גטן דײַן ווײַב...״

## איין און צוואָנציק קערבלעך

אַ ייִד האָט אַ מאָל געקויפט אַ ציג — פּאַר זיבן קערבלעך. איז זי אים געפּגרט האָט ער זיך געקויפט אַ צווייטע ציג — פּאַר זיבן קערבלעך. זאָגט ער: ״ס׳איז איין און צוואָנציק קערבלעך״ ווי אַזוי איין און צוואָנציק? זאָגט ער: ״וואָס הייסט ווי אַזוי? זיבן קערבלעך פּאַר דער ערשטער ציג, זיבן — פּאַר דער צווייטער, הײַנט ווו איז די ציג אַליין?״

## נישט היינט

נאָך קבלת־שבת איז מען איין מאָל צוגעקומען צון אַ גביר, אַ באַוווּסטן קמצן: צי ער׳ט נעמען אַן אורח אויף שבת. זאָגט ער: ״ניין נישט היינט...״ ״אַ צווייטן שבת — ווידער דאָס אייגענע: ״נישט היינט...״ — אַזוי אַ פיר, פינעף שבתים. דעם זעקסטן שבת גייט מען צון אים צו: ״איר׳ט אפשר היינט נעמען אַן אורח אויף שבת?״ — איז ער געוואָרן אין כעס: ״איטלעכן שבת — איך?...״

## דער באַרג און דאָס טייַכל

ערגעץ איז אַ מאָל געשטאַנען אַ פוסטער באַרג, און לעבן באַרג האָט זיך געשלענגלט אַ טייַכל. זאָגט דער באַרג צום טייַכל: ״קרומקייַלעכיקס, נאָר דו גייסט״ זאָגט דאָס טייַכעלע: ״נאַקעטער תחת, נאָר דו שטייסט.״

## אויך אַ גאָטס באַשעפעניש

געוועזן אַ מאָל אַ שטעטל מיט לויטער קאַליקעס: טויבע, בלינדע, לאָמע, האָרבאַטע הינקעדיקע. איז איין מאָל דאָרט פאַרבייַגעגאַנגען איינער אין גאַנצן אָן אַ פעלער — האָבן אים די מענשטן נאָכגעקוקט און אים באַנעבעכט: ״אויך אַ גאָטס באַשעפעניש...״

## נאָר נישט קיין וואַרעניקעס

איין מאָל האָט מען געמישפּט אַ ציגיינער פּאַר עפּעס אַ חטא. האָט ער געבעטן דעם ריכטער: "טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, אַבי נאָר נישט קיין וואַרעניקעס... איך בעט אייַך: נישט קיין וואַרעניקעס!" "אַזוי גאָר?" — זאָגט דער ריכטער — "מ׳עט דיר שוין געבן דווקא וואַרעניקעס". מ׳האָט אָפּגעקאָכט אַ קעסל מיט וואַרעניקעס, און צוויי סאָלדאַטן האָבן אים געהאַלטן ביי ביידע הענט, און איינער האָט אים געשטופּט וואַרעניקעס אין מויל אַריין. פּלוצעם האָט ער אַ געשריי געטון: "ניין לאָז איינער מיך האַלטן, און צוויי זאָלן שטופּן..."

## ווען איך בין קייסער

געזעסן דריי באַטראַקעס און זיך געקלאָגט אויף זייער מזל. זאָגט איינער: "איי, ווען איך בין קייסער... איר זעט די שטיוול מיינע? כ׳האָב זיי שוין פינעף יאָר נישט געשמירט. ווען איך בין קייסער, קויף איך מיר אַ פּאַס מיט דאָיעט און איך שטעל מיך אַריין דערין מיט די שטיוול און שטיי אַזוי אַ גאַנצע וואָך. זאָגט דער צווייטער: "ווען איך בין קייסער קויף איך אַ וואָגן היי און שטאָפּ אָן די כאַטע מיינע. ווערט דאָס ווייב מיינס נישט דאַרפן האָבן די קינדער אויף דער הווילער ערד, אין זאַמד, נאָר אין דער ווייך, אין היי". זאָגט דער דריטער: "ווען איך בין קייסער, גיי איך אין מאַרק אַריין און גנבע עפּעלעך, און קיינער קען מיר נישט נאָכלויפן..."

# חוזק

א) חוזק האָט אַ מאָל פאַרלוירן אַ פערציקער. האָט ער איבערגעקערט די שטוב, נאָר ער האָט אים נישט געקענט געפינען. פרעגט מען אים: "בײַ דיר אין די קעשענעס האָסטו שוין געזוכט?" זאָגט ער: "בײַ מיר אין קעשענע האָב איך דאָך צײַט צו זוכן..."

(פון דעמאָלט אָן איז געבליבן אַ ווערטל: "חוזק מיטן פערציקער...")

ב) אַ צווייט מאָל האָט ער ווידער פאַרלוירן אַ פערציקער און אים בשום־אופן נישט געקענט געפינען. פרעגט מען אים:"בײַ דיר אין קעשענע האָסטו שוין געזוכט?" זאָגט ער: "כ'האָב מורא דאָרט צו זוכן — טאָמער איז ער דאָרט אויך נישטאָ..."

ג) חוזק האָט אַ מאָל נישט געקענט אַרײַנגיין דורך אַן אָפענער טיר, ווײַל ער האָט געהאַלטן דאָס שטעקעלע אין דער ברייט...
(פון דעמאָלט אָן אַז אַ מענטש געפינט זיך אין אַזאַ נאַרישן מצב, זאָגט מען אויף אים: "חוזק אין דער ברייט")

ד) מ'האָט אַ מאָל חוזקן געשיקט נאָך הייוון פאַרן פורים־קוילעטש. האָט ער זיך געזאַמט און געזאַמט און געזאַמט — און איז געגעבן אַ פאַל אַרײַן צום ערשטן סדר און געגעבן אַ וואָרף די הייוון אויפן טיש: "אוי, פון אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס!..."

## חלום זשיך ווײַטער

אַ ליטוואַק האָט זיך אַ מאָל געחלומט, אַז סע שטייט אויפן טיש לעבן אים אַ סלוי מיט אײַנגעמאַכטס, נאָר ער האָט נישט קיין לעפעלע, איז ער אויפגעשטאַנען, גענומען אַ לעפעלע און זיך עס געלייגט אונטערן קישן און איז צוריקגעגאַנגען שלאָפן, "איצט" — מאַכט ער — "חלום זשיך ווײַטער..."

## ווען פון אַלע גויים
## ווערט איין גוי

אַ מאָל איז אַ בחור געזעסן טיף פאַרטראַכט. פרעגט מען אים: "וואָס טראַכסטו אַזוי?" זאָגט ער: "איך טראַכט, אַז ווען פון אַלע גויים ווערט איין גויי, און פון אַלע העק — איין האַק, און פון אַלעביימער — איין בוים, און פון אַלע ימים — איין ים, און דער איינער גוי נעמט די איינע האַק און האַקט אונטער דעם איינעם בוים, און דער איינער בוים פאַלט אַרײַן אין דעם איינעם ים — וואָלט דאָס געגעבן אַ מין טראַך!..."

## צוויי שילעכלעך

אַ שיף איז אונטערגעגאַנגען, און אַ ייד האָט זיך געראַטעוועט ערגעץ אויף אַ וויסטן אינדזל, און ער איז דאָרט געווען איין מענטש אליין — איין ייד אויפן גאַנצן אינדזל. יאָרן שפּעטער איז אַהין פאַרוואָרפן געוואָרן אַ צווייטער ייד. דער ייד איז זיי ביידן געלעגן אויפן פּנים — האָבן זיי זיך איינס מיט ס'אַנדערע שטאַרק דערפרייט.

זעט דער נײַ געקומענער אַ בנינדל נישט ווײַט, רעבטס. פרעגט ער דעם תּושב: "וואָס איז דאָס פאַר אַ בנין?" זאָגט דער תושב: "אַ שילעכל — דאָרט דאַוון איך". "און וואָס איז דאָס פאַר אַ בנינדל דאָרט — דער ווײַטער לינקס?" זאָגט דער תושב: "דאָס איז אויך אַ שילעכל — נאָר אַהין גיי איך נישט אַריין, מײַן פוס וועט אַהין נישט אַרײַנפּאַפּאַרען!!".

## לעבעדיקערהייט

אַ מאָל איז געקומען אַ ייד אין אַ שטעטל אַרײַן אין אַ נײַעם יישוב. גייט ער אַריין אין בית-מדרש דאַוונען — זעט ער, אַז אַלע זענען זייער פאַראומערט. "וואָס איז דער מער?" פרעגט ער. זאָגן זיי: "אָ, די קינדער וואַקסן בײַ אונדז אין סטויבער אַרײַן — מיר האָבן נישט קיין מלמד". זאָגט ער: "איך בין אַ מלמד" ווערט אַ

גדולה, אַ פרייד: זיי האָבן שוין אַ מלמד! דערווײַל זעט ער, זיי זענען ווײַטער פּאַראומערט. "וואָס איז שוין ווידער דער מער?" "אָ, סע גייט צו יום־טוב און מיר האָבן נישט קיין חזן." "איך בין אַ חזן". איז ווידער געוואָרן אַ גדולה. ער זעט, אַז זיי זענען אָבער נאָך אַלץ פאַרזאָרגט. וואָס איז? זיי האָבן נישט קיין כּוהן, וואָס ער זאָל פאַר זיי דוכנען און זאָל זיי בענטשן. זאָגט ער: "איך בין אויך אַ כּהן. איז דאָך גוט, זיי האָבן שוין אי אַ מלמד אי אַ חזן זיי זאָרגן זיך אָבער נאָך אַלץ, ווײַל זיי האָבן נישט קיין שוחט. "איך בין אַ שוחט אויך". "אײַ, גוט! נאָר אַ מענטש לעבט דאָך נישט אייביק. איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, אַז עמעצער וועט בײַ אונדז אַוועק פון דער וועלט, האָבן מיר נישט קיין קברן". "איך בין אַ קברן אויך". סטײַטש?! איר זאָגט דאָך, אַז איר זענט אַ כּוהן. ווי זשע קענט איר זײַן אַ קברן"? "דאָס איז גאָרנישט" — זאָגט ער — "אי׳כל נישט וואַרטן ביז איר׳ט שטאַרבן, איכ׳ל אײַך באַרגראָבן לעבעדי־קערהייט..."

## פּסחיקע ניס

א מאָל איז געווען אַ פרומער ייִד אַ חסיד־שוטה — פלעג ער פּסח עסן מײנסטנס ניס. ניס, האָט ער זיך געטראַכט — איז אַ פאַרמאַכטע זאַך, קען נישט צוקומען דערצו קיין חמץ. גוט. פלעג אים איטלעכן פאַר־פּסח אַ גוי ברענגען אַ זאַק מיט ניס. אַז דער גוי איז געשטאָרבן, האָט אים דער זון זײַנער געברענגט

דעם זאַק מיט ניס. דער ייד האָט אָבער געזען, אַז ס׳איז נישט די אַמאָליקע ניס. מילא, נאָך פּסח זעט דער ייד דעם יונגן גוי און גוט אים אַ פרעג: ״פאַר וואָס זענען עפּעס די ניס געווען אַזוי טרוקן און אָן טעם? האָסט זיי גענומען פון אַן אַנדער גאָרטן?״ זאָגט דער יונגער גוי: ״ניין נאָר מײַן טאַטע איז געווען רײַך. פלעג ער קאָכן די ניס אין חזיר־שמאַלץ. איצט האָב איך באַקומען אַ פערטל פון דער ירושה — קען איך מיר נישט פאַרגינען קיין חזיר־שמאַלץ״.

## דער רב און דער בעדער

ווו אַרומערט, דאָ אַרומערט — דער רב האָט זיך משדך געווען מיטן בעדער. איז שבת דער רב געקומען אין שיל אַרײַן אָנגעטון ווי אַ בעדער, כּדי נישט צו פאַרשעמען דעם בעדער, און דער בעדער איז געקומען אָנגעטון ווי אַ רב, כּדי נישט צו פאַרשעמען דעם רב...

## אַ מעשה מיט דריַי פּאָפּן

אַ מאָל זענען צוויי פּאָפּן געזעסן אין אַ יידישער קרעטשמע און געטרונקען. פּלוצעם האָבן זיי זיך איינס מיט ס'אַנדערע עפּעס געפונען און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו שלאָגן און זיך צו ריַיסן ביַי די פּעלעכעס, און זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע דערהרגעט, און — אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט. דער ייִד טוט אַ קוק זעט ער צוויי טויטע פּאָפּן ביַי זיך אין קרעטשמע, וואָס טוט מען ?! גוים וועלן אַריַינקומען און זען, וועלן זיי זאָגן, אַז ער האָט זיי בײדע פאַרסמט און מע וועט אים הרגענען, אים מיט דער משפחה, מיטן גאַנצן ביסל יידן אין דאָרף. ביטער. נעמט ער און שלעפּט זיי אַריַין אין צוויי באַזונדערע שטיבער, און לאָזט רופן דעם דאָרף־שיכור און זאָגט אים: "זע, ס'איז ביַי מיר אין קרעטשמע געשטאָרבן אַ פּאָפּ, ערגעץ פון דער פרעמד, האָב איך מורא: מ'עט נאָך זאָגן, אַז איך בין שולדיק. קום, זשע צו גיין ביַי נאַכט, און לייג אים אַריַין אין אַ זאַק, און וואַרף אים אַריַין אין טיַיך — גיב איך דיר אַ פלאַש מיט בראָנפן. איז דער שיכור געקומען ביַי נאַכט, אַריַינגעלייגט דעם פּאָפּ אין אַ זאַק, גוט פאַרבונדן, און איז אַוועק צום טיַיך און אים דאָרט אַריַינגעוואָרפן. ער קומט צום קרעטשמער נאָך דער פלאַש בראָנפן. זאָגט דער קרעטשמער: "האָסט אים

נישט גוט אַרײַנגעוואָרפן — ער איז דאָך צוריקגעקומען" און ער ווײַזט אים דעם צווייטן פּאָפּ. "דאַרפסט דעם זאַק גוט פֿאַרבינדן און אים אַראָפּלאָזן פֿון דער בריק דאָרט ווו דאָס וואַסער איז צום טיפסטן". האָט שוין דער גוי גוט פֿאַרבונדן דעם זאַק, און ער איז מלא־רציחה אַוועק צום טײַך, אָפּגעגאַנגען ביז אין דער מיט בריק און דאָרט געגעבן אַ וואָרף אַרײַן דעם זאַק. ער גייט נאָר אָפּ אַ צוויי, דרײַ טריט אויף דער בריק, קומט אים אַקעגן דער פּאָפּ פֿונעם דאָרף. גיט ער צון אים אַ געשריי: "ביסט שוין ווידער אָרויס?" — ער גיט אים אַ כאַפּ און שלעפּט אים צו ביז צו דער מיט בריק און גיט אים אַ טלימע אַרײַן אין טײַך אַרײַן.

## צום סוף — ווייס איך וואָס...

מוצאי־יום־כּיפּור איז אַ מאָל אַ יִישובניק אַהיימגע־פֿאָרן צו זיך אין דאָרף אַרײַן אַ טויט הונגעריקער. האָט אים דאָס ווײַב זײַנס דערלאַנגט אַ היפּש גלעזל בראָנפֿן מיט אַ שטיק לעקעך — זיך דאָס האַרץ צו דערכאַפּן. דערנאָך האָט זי אים דערלאַנגט אַ שיסל געהאַקטע לעבערלעך מיט פּופּיקלעך און מיט ציבעלע. דערנאָך — די יויך מיט אַ האַלבן טוץ קרעפּלעך. דערנאָך האָט ער אַרײַנגעשטעלט אַ געבראָטענע קאַטשקע מיט אַ חלה. דערנאָך — אַ שיסל באַרן־צימעס און

פּאַרטרונקען האָט ער מיט אַ טעפּל ציקאָריע און פאַרביסן מיט אַ טעלער מאַנדלברויט.

אַז ער האָט אַלץ אויפגעגעסן, גיט ער אַ מאַך: „אַהיי! כ'האָט געמיינט, כ'על קענען אויפעסן אַן אָקס — צום סוף — ווייס איך וואָס...״

## די שפּין און דאָס קדחת

די שפּין און דאָס קדחת האָבן זיך אַ מאָל באַגעגנט, זענען ביידע געווען אויסגעמאָרעט — הויט און ביין, פרעגט דאָס קדחת די שפּין: „וואָס איז די מעשׂה, וואָס דו ביסט אַזוי אויסגעמאָרעט?״ זאָגט די שפּין: „וואָס איז דאָ דער חידוש? איך שטיי איַין ביַים גביר — איז ווו נאָר איך בוי מיר אויס אַ נעסט, קומט תיכּף אַריַין די דינסט, און דערלאַנגט מיר מיטן בעזעם איבערן קאָפּ. ס'איז מיר ביטער און פינצטער. ס'לעבן איז מיר נימאס. און וואָס איז דער מער מיט דיר, קדחת, וואָס דו ביסט אַזוי אויסגעמאָרעט?״ זאָגט דאָס קדחת: „איך שטיי איַין ביַים אָרעמאַן. כ'מעג אים שטעכן און בויערן די געדערעם — הערט ער מיך ווי דעם קאָטער — ער שטעלט זיך גאָר האַקן האָלץ, ס'איז מיר נימאס דאָס לעבן״ זאָגט די שפּין: „ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך ביַיטן: דו, קדחת, גיי צום גביר, און איכ'ל גיין צום

אָרעמאַן, און איבער אַ יאָר לאָמיר זיך דאָ ווידער באַגעגענען". אין אַ יאָר אַרום, אַז זיי האָבן זיך ווידער אַ מאָל באַגעגנט, זענעןביידע געווען גוט אויפגעלייגט און אויסגעפּאַשעט — אַ מחייה. "מיר איז גוט" — האָט געזאָגט די שפּין — "איך מאַך מיר אַ נעסט בײַם אָרעמאַן אונטער דער סטעליע — לאָזט מען מיך צו רו פון באַלד נאָך פּסח ביז ערב־פּסח". "און מיר איז אויך גוט" — זאָגט דאָס קדחת — איך גיב נאָר דעם גביר אַ קיצל אין בויך — ווערט אַ טומל: מע לייגט מיך באַלד אַרײַן אין בעט אַרײַן, מע גיט מיר קאָניאַק מיט הייסער טיי מיט לימענע, און מע וואַרעמט מיך און מע קעכלט מיך — מיט איין וואָרט: ס'איז מיר גוט..."

## אי פּאַרן רב און אי פּאַרן דיין

אין אַ קליינעם יידישן יישוב איז אַ מאָל דער רב געקומען צו קהל נאָך אַן הוספה: די משפּחה האָט זיך בײַ אים, ברוך־השם, פאַרגרעסערט און ער קען זי קוים מפרנס זײַן. דער יישוב וואַקסט, האָט ער מער שאלות, מיט בוררותן, מיט לאָדעכצן. האָט מען אים פאַרדונגען די הייוון. ס'איז אָבער אַלץ געווען נישט גענוג. האָט מען אים אויך פאַרדונגען די ליכט. דער יִשוב איז אָבער אַלץ געוואָקסן, און דער רב האָט זיך אַלץ באַקלאָגט. האָט מען געמאַכט אַן אַסיפה, און ס'איז געבליבן, אַז אויב עמעצער פון די בעלי־בתּים וועט קראַנק ווערן זאָל דער רב פאַר אים מתפּלל זײַן, און אַז

יענער וועט געזונט ווערן, זאָל ער באַצאָלן דעם רב אַזוי פיל און אַזוי פיל — לויט דער גרייס פון דער קרענק. גוט. איז דער רב געזעסן און געוואַרט, אַז די בעלי־בתּים זאָלן קרענקען — און מ׳האָט ביסלעכווײַז געקרענקט. דער ייִשוב איז אָבער אַלץ געוואַקסן, און דער רב האָט געבעטן, מע זאָל אים געבן אַ דיין, וועט אים ניט זײַן אַזוי שווער. האָט מען ווידער געמאַכט אַן אסיפה, פרעגט איינער: ״וואָסט הייסט אַ דיין? און פון וואַנען וועט מען נעמען צו באַצאָלן דעם דיין?״ האָט אַ צווייטער געענטפערט: ״וואָס הייסט פון וואַנען? ווו שטייט געשריבן, אַז מע דאַרף דעם רב געבן אַלע קרענק? איך קען באַשטיין, אַז מע זאָל דעם רב געבן די גרויסע קרענק, און דעם דיין די קליינע קרענק...״

## ער גייט רײַסן קראָפּעווע

אַ מאָל האָט איינער געזען אַ בילד פון אַ יונגנמאַן אין אַ שטרויענעם קאַפּעליטש און מיט הענטשקעס אויף די הענט. האָט ער זיך געחידושט ״ממה־נפשך איז זומער, וואָס זשע גייט ער מיט הענטשקעס? איז, ס׳איז ווינטער, — וואָס זשע גייט ער אין אַ שטרויענעם קאַפּעליטש? נאָר דער תּירוץ איז, אַז טאַקע זומער, נאָר ער גייט מסתּמא רײַסן קראָפּעווע ...

## קיין קאָלעמיי

איינער אַ בחור האָט חתונה געהאַט קיין קאָלעמיי און גענומען זייער אַ לײַטיש מיידל: שיין און קלוג און אַ גוטע באַלעבאָסטע — מיט אַלע מעלות פרעגט מען אים: "האָסט גוט געטראָפן?" זאָגט ער: "יאָ, זייער גוט געטראָפן, איכ'ל שוין תּמיד חתונה האָבן קיין קאָלעמיי..."

## דער רענדאַר

ווינטער, ווען סע ווערט גאָר פרי נאַכט, האָט אַ מאָל אַ רענדאַר אָפּגעדאַוונט קבלת־שבת, אָפּגעגעסן די ערשטע שבתדיקע סעודה און זיך געלייגט שלאָפן. אַרײַנגעכאַפּט דעם אמתן שלאָף, כאַפּט ער זיך אויף, זעט ער: אין דרויסן איז ליכטיק, ס'איז געווען אַ פולע לבנה. מיינט ער, אַז ס'איז שוין שבת אין דער פרי. ער האָט נישט געוווסט, אַז די ליכטיקייט איז פון דער פולער לבנה אין מיטן חודש. נו, הייסט ער דעם ווײַב זײַנעם אַרויסנעמען דעם טשאָלנט און מע זעצט זיך עסן. נאָכן עסן לייגט מען זיך כאַפּן אַ דרימל, ווי שבת נאָכן עסן. אַרײַנגעכאַפּט דעם אמתן דרימל, כאַפּן זיי זיך אויף — זעען זיי: אין דרויסן איז פינצטער. (די לבנה איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען.) נו, מיינט ער, אַז ס'איז שוין שבת צו נאַכטס. זאָגט ער ויתּן־לך און מאַכט הבדלה און לייגט זיך שלאָפן. אַרײַנגעכאַפּט דעם אמתן שלאָף — כאַפּט ער זיך אויף, איז אין דרויסן

ליכטיק. ס׳איז געווען שבת אין דער פרי. ער האָט אָבער געמיינט, אַז ס׳איז שוין זונטיק. פּאַקט ער איַין זיַין ביסל מילעכיקס און פּאָרט אין שטאָט אַריַין. געקומען אין שטאָט אַריַין, זעט ער פון דער וויַיטנס זיַינעם אַ באַקענטן, אין אַ שטריַימל. גיט ער אַ מאַך: „זע נאָר אַ ייִד — אַ פּאַרעך! ער מאַכט אַ ברית און זאָגט מיר גאָרנישט...״ (באַמערק: אין טאָג פונעם ברית גייט דער בעל־ברית אין אַ שטריַימל, אויך אין מיטן דער וואָך).

## דאָס שלימזל

איין מאָל האָט אַן אָרעמאַן געהערט, אַז משנה מקום — משנה מזל, ס׳הייסט: אַז מע בײַט די דירה, דאָס וווינאָרט — בײַט זיך אויך ס׳מזל צו גוטן. אַ ביטערער אָרעמאַן איז ער געווען, טראַכט ער זיך: וואָס האָב איך דאָ אָנצוווערן? כ׳על מיך אַריבערציִען אין אַ צווייט שטעטל, וועט אפשר דאָס מזל מיַינס זיך בײַטן צו גוטן. האָט ער געדונגען אַ פערד־און־וועגעלע און האָט דערין אַריַינגעוואָרפן אַלע זיַינע בעבעכעס. אַז ער האָט אַרויסגעטראָגן דאָס לעצטע שטיקל דראָבעלע, זעט ער, ווי אויפן וואָגן, גאַנץ אויבן זיצט אַ מענטשעלע און לאַכט. פרעגט ער דאָס מענטשעלע: „ווער ביסטו?״ זאָגט דאָס מענטשעלע: „איך בין דאָס שלימזל״. „וואָס זשע לאַכסטו?״ זאָגט דאָס שלימזל: „איך פריי מיך — איך פאָר...״

# גלאָסאַר

אוי לי = ווײ איז מיר
אַטלאַנטיס = פֿאַרזונקענער קאָנטינענט ערגעץ אין אַטלאַנטישן אָקעאַן (לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע)
אָנא [אָנאָ] = איך בעט דיך
אָסור [אָסער] = ניין, אַ נעבעכדיקער טאָג
גבר [גוואַר] = אַ געזונטער, הויכער מאַן
דמות־כּביכול [דמוס קאַוויאָכל] = ווי אַן אָפּדראַכטעניש פון גאָטס געשטאַלט
טלימען = וואַרפן
כראַפּ; האָבן אויף עמעצן אַ כראַפּ = האָבן אויף אים אַ בייז האַרץ
ממה־נפשך [מאָ'נעשאָך] = איינס פון די ביידע, אַהער אָדער אַהין
מי יתן ראשי מים = הלוואַי וואָלט מײַן קאָפּ געווען פול מיט [טרערן־] וואַסער
מסורה [מעסוירע] = טראַדיציע
נשים [נאָשים] = ווײַבער
סטויבער; וואַקסן אין סטויבער אַרײַן = אויסוואַקסן ווילד
פּיקוח־נפש [פּיקועך] = לעבן־סכּנה
קאַטאַפּולט = שטיינוואַרף־געשטעל, וואָס די רוימישע אַרמיי פלעג ניצן אויף אײַנצוברעכן שטאָטמויערן.
עד לב־השמים [אַד לעוו־האַשאָמאַיִם] = ביזן הימל אַרײַן
רצון [ראָצן] = ווילן, פאַרלאַנג
תפילה לעני [לעאָני] = די תפילה פונעם אָרעמאַן.

# תוכן

## לידער און פּאָעמעס


אַ האַרץ מיט לידער. 7
איבער מאָדנע בריקן. 8
די שעה פאַר נאַכט. 9
דער ווינט האָט פאַרבלאָזן. 10
וואַלדסצענע. 11
וואָס טויג דיר צירונג?. 12
מאַמע־לשון. 13
דער אָוונט קומט אַ שטילער. 14
מיַין געבוירן־שטאָט שאָץ. 15
די אויגן פון דער שוואַלב. 17
אין אַ ליכטיקן אָסיענטאָג. 18
אין רומענישן פאָלקסטאָן. 20
טיכער נעפּל. 21
מיַין האַרץ פאַרגייט זיך. 22
ס'איז דאָ אַ גאָט. 23
פאַרבעטונג צום חלום. 24
אַ זעקל ציבל־קיכלעך. 25
מיַין ערלעך ביסל אייגנס. 26
שריַיב מיר. 27
אין דער באַן. 28
די דאַכטונג. 29
תפילה לעני. 31
דער טויט פון אַ שוואַלב. 32
די לבנה. 33
ווי אַ שטיין און ווי אַ בוים. 35
ווי נוחס טויב. 36
וואָס ברענגסטו, נאַכט. 37

יחזקאל אין טרעבלינקע. 38
מיין קאָפּ זאָל זײַן אַ טרערנקוואַל. 40
אין לאַנד שאַשאַפּו. 41
מע וואַרפט מיר פיר. 42
ווו די ערד איז אַ צעקײַלטע. 44
הערשעלע, ר׳ ברוכלס רביצין
און די הערשעלעבע. 47
ניקוצע. 55
אַ מעשה־נורא. 63

**פון מײַן מאַמעס מעשׂהלעך**

דאָס שענצטע ייִנגעלע. 68
אַ געזונטע מאַמע. 68
משהלע זאָל עס הייסן! 69
ער יאַז שוין משוגע געוואָרן. 69
דאָס מילעכיקע טעפּל. 70
די האַק. 71
נאָר וואָס איז דאָ דער חידוש? 71
הערשעלע. 72
אַ ווײַסע הון אָן אַ ווײדל. 72
נישט דער מאַמעס גרויפּן. 72
ווען כ׳ווייס, אַז ס׳איז
אַ הינדיק. 73
מאַך אים אַ ברית. 74
אָסיע, אָסיע, פינע נאָסיע. 74
לאָז זײַן ווי דער שוחט זאָגט. 75
אײַך יאָ... אײַך נישט... 75
מיר לעקן דאָ האָניק? 76
איך שיק איר... 76
אַ נײַע שיל. 77
כ׳האָב שוין דאָס

לאַנג געטראַכט. 77
היט דיך פֿאַר אַ רויטן. 78
איין און צוואָנציק קערבלעך. 79
נישט הײַנט. 80
דער באַרג און דאָס טײַכל. 80
אויך אַ גאָטס באַשעפעניש. 80
נאָר נישט קיין וואַרעניקעס. 81
ווען איך בין קייסער. 81
חוזק. 82
חלום זשיך ווײַטער. 83
ווען פֿון אַלע גויים ווערט איין גוי. 83
צוויי שילעכלעך. 84
לעבעדיקערהייט. 84
פּסחיקע ניס. 85
דער רב און דער בעדער. 86
אַ מעשׂה מיט דרײַ פּאָפּן. 87
צום סוף — ווייס איך וואָס.... 88
די שפּין און דאָס קדחת. 89
אי פֿאַרן רב און אי פֿאַרן דיין. 90
ער גייט רײַסן קראָפּעווע. 91
קיין קאָלעמיי. 92
דער רענדאַר. 92
דאָס שלימזל. 93